דיאַלעקט פון פּויליש־ליטוויש־גאַליציאַנער ייד — איין זאַך, איין פאָלקלאָר־וואָרט און אַלץ איז דאָ : האַנדלונג, פּסיכיש־עטישער צוגאַנג טעאַטער־שפּיל און מאָראַל.

דאַכט זיך נאָר אַ ספּעקטאַקל, און מיט וויפיל ליבשאַפט די אַקטיאָרן האָבן עס באַמיינס־טענט ! נאָר צו דערמאָנען : די דראַמאַטיש־באַוועגלעכע און סצעניש־עע ענדערונגען פון אידאַ קאַמינסקאַ און די גראַטעסקע שטייפלעכע אויסגעהאַלטנקייט פון רות טאַרן־קאָוואַלסקי ; די צוויי געגנ־שפּילער, קאַמיש און כאַראַקטערלעך — מעלמאַן און דגים ; די צוויי פעסט־געפאַרעמטע טיפּן, גאַליציאַנער און ליטוואַק — לעכנער און שווײלעך.

„קאַבצאַנסקער טרוימער" פון מענדעלע מוכר ספרים, סצעניזירט פון דגים און שווײלעך, איז באמת געווען אַ חלום ! בוזגאַנ׳ס בנימין — אַ לונאַטיקער אויפן שפּיץ־טורעם, וואָס מ׳טאָר אים נישט אויפוועקן, ווארים אין זיין דאָן־קיכאָטישער באַגייסטערונג שפּרינגט ער אַראָפּ און סענדערל (שווײלעך) וועט אויפקלייבן זיינע ביינער אין דער טאָרבע אַריין. און דאָס צוזאַמענשפּילן פון פישקען און בתיה — יוסף רעטיק און מרים פרידמאַן, איז מיר געגאַנגען אין די ביינער אַריין : „אַ קענק אין די ביינאַ".

מיר וועלן דאָך נאָך זען אי״ה די אַנדערע שטיקער שלום עליכמס „טוביה דער מילכיקער" און „אָן אַ היים" פון יעקב גאָרדין, וועלן מיר שוין אויסבעסערן מיט אַלעם גוטן, און דערמאָנען די אַנדערע אַקטיאָרן, וואָס יעדער איינער איז געווען אַ קרעאַציע פאַר זיך.

דאָס פיין־געמאַכטע קאַספּער־מיכער באַלזאַר־טרילעטל" — יאָ, אַזאַ עכטע פּורים־שפּיל־באָרד האָט נאָך דאָ קיינער נישט געזען.

אַ, וואָלט דאָס יידישע טעאַטער פון פּוילן, דאָס „אסתר רחל קאַמינסקי־טעאַטער", אַ הערגעקומען מיט „מיין מאַמעס חתן", „מיין טאַטנס שוויגער". וואָלט ביי דער קאַסע געווען אַ גרעסער אויפלויף : אונזערע ליבע יידן דאָ האָבן עס זייער ליב, אַז מ׳קראַצט זיי אין די פּיאַטעס און מ׳קיצלט זיי אונטער דער פּאַכווע . . . אָך, פאַרשטייען זיי דעמלט יידיש, אַז די בייכער שאָקלען זי זיי אַזש און „די גוידערס ביי זייער „לעידיס", און דערפאַר „קויפן" זיי טאָקע אָפּ, אָט די „לעידי גילדס", אַ „בענ־פיט" און מאַכן אַן „אָוקשן" און דאָס געלד גייט פאַר „היברו עדיקיישן". זיי האָבן אָבער נאָך אַלץ נישט געלערנט מיט זייערע אַלע „אָויקשנס" און „עדיקיישנס", אַז דרך־ארץ קדמה לתורה : אַז ס׳קומען יידישע קינסטלער, חשובע געסט מוז מען קומען זיי אָפּגעבן כבוד.

° ° °

אַז יידישע קינסטלער־אַקטיאָרן גייען צו צו שלום־עליכמען מיט רעליגעזן ציטער, איז עס דאָך טעווייע, וואָס רעדט הוילע פסוקים און שיט מיט תורה, איז עס דאָך דאָס יידישע שטעטל געוויקלט אין ברענענדיקע ירועות. אָבער מיט אַזאַ יראת־הכבוד קאָנען צוגיין צו דעם סקעפּטיקער יעקב גאָרדין, צום ניו־יאָרקער איסט־סייד, צו דער בראָנקס ; נישט פאַרגאַנען עמך־לעבן אויסטאַנצן, אייסזינגען, נאָר „טעזי־אַנטי־טעזי"־טעאָריעס לאָזן אַזוי סינטעטיש אויסצאַפּלען אונטער געשפּיצטער פּינצעטע, איז יידיש נאָך אַן עמוד־הברזל אויף וואָס אַ פאָלק קאָן זיך אָנלענען.

אויב אונטערן „אייזערנעם פאַרהאַנג" איז אַזאַ רעליגעזער צוגאַנג נאָך דאָ צו יידישער קונסט איז דער פאַרטרייען צו יידיש לעבן אין מזרח־אייראָפּע נישט ווייניקער זיכער, ווי נאָכן זען אַ „סערוויס" פון יידישע מיניסטערס אין די מערב־אייראָפּעאישע סינאַגאָגעס — „אויב נישט נאָך העכער" !

און אויב אַ גרויסער דאַנק איז געזאָגט געוואָרן פאַר אָנהייבן מיט „סערקעלען", איז איצט ביים מסיים זיין, מיט, „אָן אַהיים" אונזער דאַנק נאָך גרעסער : מילא, דער עלטערער דור אַקטיאָרן, אידאַ קאַמינסקאַ, מאַריאַן מעלמאַן, קאָוואַלסקאַ, שווײלעך, אויפגעצויגענע נאָך אויף דער שויס פון דער מאַמע אסתר רחל, אָבער אַז דער יינגער דור : רות קאַמינסקי, העלען קאָוט, לאַטאַוויטש, דאַלעצקי קאָנען נאָך מיט אַזאַ אש־קודש פון יידישער קונסט ברענגען אַ וועלט אויף דער יידישער בינע איז „נצח ישראל לא ישקר".

אַ דאַנק אייך פאַרן ברענגען דעם גרוס פון די 25,000 יידן אין פּוילן און פאַרן לאָזן דעם טיפן פאַרטרויען, אַז עם ישראל חי ! ווארום וואָס איז דער סימן־לעבן פון אַ פאָלק, אויב נישט, אַז ס׳קאָן נאָך זיין קרעאַטיוו שעפעריש ? און אויב מיר האָבן נאָך אַלץ פאַר־פעלט וועם צו דערמאָנען, איז ביים פּירטן מאָל, ווען זיי וועלן אי״ה אַהערקומען. ש.

251

# לשון און לעבן

## חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 9־8 (העפט 3־392) פינף און צוואַנציקסטן יאָר אויג.־סעפּ. 1964 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון אַ. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט :

ראש־השנה תשכ״ה, ביים אַנסקי־קלוב אין אַמסטערדאַם, צו די יידישע קדושים געסלעך אין אַמסטערדאַם ........ ** 1
וועספּערסטראַאַט (דערציילונג) ........ זיגפריד וואַן פּראַאַג 9
יום־כפור (לידער) ........ שמואל וואַהיט 15
די רעאַליזאַציע פון תשובה (עסיי) ........ יעקב ריכטיגער 17
ראש חודש (ליד) ........ יוסף לעפּטאָוויטש 21
אַ מזלדיקער טאָג, אין נגב ........ יודל גאָלדבערג 21
יאָסעלע (דערציילונג) ........ משה בעקערמאַן 26
מיין ערשט ליד (פּראָזע, המשך) לידער ........ אַ. נ. שטענצל 28
אַ חתונה אין ישׂראל פּאַקאַזאַצקאַמי (דערציילונג) ........ אייזיק גאָלדבערג 46
אַ. לעיעלעס (צו זיין 75סטן יובל) ........ יחזקאל בראָנשטיין 50
מיניאַטורן (טשאַרלז דאַרווין, עדגאַר אַלאַן פּאָוס) ........ ש. טענענבוים 52
שלמה אויערבאַך (צו דער ערשטער יאָרצייט) ........ משה דאָמב 52
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ........ 53
לשנה טובות ........ 54

### רעדאַקציע - נאָטיץ

לאָנדאָנער קולטור־ידיעות און דער בריוו פון אהרן ראַלין אין קומענדיקן נומער.—ד.ר.

פּרייז 2 שילינג

אַבאָנאַמענט־פּרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,

COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 9־8 (העפט 3־392) פינף און צוואנציקסטן יאר אויג.־סעפ. 1964 לאנדאן

## ראש השנה תשכ״ה

דער ריכטיקער 25־סטער יארגאנג פון „לשון און לעבן הייבט זיך ערשט אן מיט דעם היינטיקן נומער, ווייל ס׳איז געווען ערב ראש־השנה 1940, ווען דאס ערשטע „העפטל״ איז דערשינען: א מאגערס, קוים 8 זייטלעך, מיט שמאלע פערזן־שורות. און איצט, אז נאך די אלע שווערע יארן און דער היינטיקער ראש־השנה־נומער האלט איבער 50 זייטן און די אויפלאגע א פארגרעסערטע ווי ביים אנהייב איז עס דאך טאקע א טאפלטער יום־טוב.

בזמן הזה, אז א שרייבער אין יידיש ברויך נישט צו שטופן זיינע מאנוסקריפטן אין בוזעם אריין, נאר ער קאן זיי אפדרוקן וואס קאן שוין זיין א גרעסערער יום־טוב פאר אים. און דער עיקר, אז אונזער יידיש־ישוב ציילט זיך צווישן די שאפנדיקע יידישע קולטור־ישובים מיט זשורנאל „לשון און לעבן״ איז עס דאך פאר אונז א „יום שנכפל בו כי טוב״.

## ביים אנסקי - קלוב אין אמסטערדאם

אמסטערדאם, די עיר ואם בישראל, ווו די דריי קהילות הקודשות, ספרדים אשכנזים און מזרח־אייראפעאישע יידן לעבעדיק ארום די האלב־לבנהדיקע דריי אמסטל־גראכטן, האבן זיי זיך צונויפגעשטראמט אין איין עדה קדושה — די אמסטערדאמער געטא! יעדע טראגנדיק שטאלץ איר יחוס עצמה, האבן זיי צוגעטראגן צו דער יידישער געשיכטע אזעלכע פערזענלעכקייט, ווי ברוך שפינאזע, מנשה בן ישראל, חכם צבי א.א.

אין אמסטערדאם האט משה חיים לוצאטא געשריבן די ערשטע דראמע אין לשון־קודש, דאס ערשטע ווערק, מיט וועלכן ס׳הייבט זיך אן די מאדערנע העברעאישע ליטעראטור, אין אמסטערדאם איז דערשינען די ערשטע יידישע צייטונג: „דינסטאגישע און פרייטאגישע קוראנטן״.

איז איצט פון דער גרויסער עדה פון ארום 120.000 טויזנט יידן געבליבן, נאך די דעפארטאציעס און שחיטות קוים א 15.000, און פון די געסלעך, אזוי פריילעך־עמכדיקע געטומלט ארום די דריי קעניגלעכע גראכטן, איז קיין איינס נישט געבליבן. די צוריקגעקומענע פון דעפארטאציע, די לעבן־געבליבענע אויסבאהאלטענע ביי זייערע האלענדישע קריסטלעכע שכנים, לעבן איצט צעשפרייט איבערן נייעם אויפגעבויטן אמסטערדאם זה בכה וזה בכה. איז קוי נישט־איז צונויפגעבונדן אין א רעליגיעזע קהילה, און א ציוניסטישן פעראיין און אן אסט־יידישן־פארבאנד.

פונם „אנסקי־קלוב״, וואס איז געגרינדעט געווארן באלד נאך דער ערשטער מלחמה א קולטור־געזעלשאפט פאר יידישע קולטור, יידישע ליטעראטור, מיט א פיינע יידישע ביבלאטעק, מיט א געשולטן דראם־קרייז און געציילט איבער 200 מיטגלידער איז קוים געבליבן נאך א 17־18 מיטגלידער. צווישן זיי איז דער פארשטייער פון האלענדישן „ארט״ יצחק ראפאלאוויטש.

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

די רעדאקציע „לשון און לעבן״ ווינשט אירע מיטארבעטער, לייענער און כל ישראל א כתיבה וחתימה טובה.

יהודה ביעטש, פרוי און טאכטער, ווינטשן זייער משפחה ברידער און שוועסטער, פריינט און באקאנטע, בכל מקום שהם א שנת חיים ושלום און א כתיבה וחתימה טובה.

נ. רובין און פאמיליע ווינשן זייער משפחה און פריינט פון יידיש לשון שוישפילער פון גראנד־פאלעי־טעאטער און באזונדער מארק מארקאוו און עטא טאפל, און סאדערן ראדישא, א כתיבה וחתימה טובה.

מנשה און מילי ווייסגראז (זיי זיינען איצט אויף א נסיעה אין ישראל), ווינטשן זייערע קינדער, משפחה און גוטע פריינט, א גוט געזונט יאר.

א געזונט און גליקלעך יאר, ווינטשן מיר אונזער טאכטער איידעם, איניקל, ריטשמאנס משפחה און פריינט. באזונדערס אלע פריינט פון „פריינט פון יידיש לשון״ די „ליטעראריש שבת נאכמיטאגס״ און כל ישראל — אייזיק גאלדבערג און פרוי צביה.

די ברידער נאראדיצקי, בר כוכבא און כרמל, פון פארלאג און דרוקעריי „די נאראד פרעס״ ווינטשן א כתיבה וחתימה טובה זייער מוטער אין ישראל און זייער קרובים און פריינט, אנגעשטעלטע און קליענטן.

צו אלע אונזערע פריינט — א „שנת חיים ושלום״ — א. מ. קייזער און פאמיליע.

לשנה טובה תכתבו! די בעסטע ברכות צום נייעם יאר מיין ברודער אהרן שווענערינס, פלימעניקס און פלימעניצעס אין בריסל, תל־אביב, טאראנטא, זייערע פרויען און קינדער. די קאלעגן און „פריינט פון יידיש לשון״, דער יידישן זשורנאליסטן און ליטעראטן־פאריין אין לאנדאן; די ה״ה רעדאקטארן און מיטארבעטער פון די יידישע צייטונגען אין תל־אביב, ניו־יארק, ארגענטינע, בראזיל, יאהאנעסבורג, פאריז און לאנדאן. — ש. י. הארענדארף און פרוי.

שמואל און אסתר ווהיים — ווינטשן זייער פאמיליע, פריינד און כלל ישראל א כתיבה וחתימה טובה.

כ׳ווינטש א כתיבה וחתימה טובה מיינע פריינט — משה ראמב.

מרים לעווי און פאמיליע ווינשט אלע פריינט אלעס בעסטע צום נייען יאר.

משה בעקערמאן ווינטשן משפחה, פריינט אין ענגלאנד, פראנקרייך, פוילן און אמעריקע און כל ישראל א־אר פון געזונט, פרנסה און א פריידלעך לעבן.

זרובבל נאראד און פרוי ווינטשן א כוח״ט זייער משפחה און פריינט.

מרדכי לאנדער און פרוי ווינטשן א כתיבה וחתימה טובה, די קינדער אין ישראל און אין לאנדאן און פריינט און קרובים.

רחל מירסקי ווינשט איר שוועסטער און שוואגער אין דער שווייץ, איר ברודער מיט זיין פרוי און קינדער אין אמעריקא, איר משפחה אין מדינת ישראל אויך אין פאריז און אלע פריינט אין לאנדאן א גוט יאר.

יודל גאלדבערג, פרוי און טאכטער ווינטשן די גאנצע משפחה, פריינט און באקאנטע א גוט יאר.

לשנה טובה צו אלע פריינד און יידן בכלל אין דער גאנצער וועלט ווינשט מרס. פאדאלסקי.

פרוי מינדעל ווינטשן א גוט געזונט יאר זייער משפחה און זייערע פריינט.

דוד גריוועד ווינטשט משפחה און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

52 Sherrickgreen Rd., N.W.10

ל. ביילי — איך ווינטש מיינע קינדער און איניקלעך אויך מיין ליבע שוועסטער מיט איער מאן איין גוט און געזונד יאר.

י. ס. לאקער, מאנשעסטער — א גליקלעך יאר מתוך שלום ושלווה אלעמען.

חיים גרשון אבערמאן און פרוי ווינשט אלע מתפללים פון דער נעלסאן שול א כתיבה וחתימה טובה.

ווילי טרענער און פאמיליע ווינשט אלע זיינע פריינט א כתיבה וחתימ הטובה.

שלמה ראזענפארב ווינטשט קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

מיכאל לידור און פרוי ווינטשן זייערע עלטערן און שוועסטערן אין לאנדאן און אין ישראל און אלע קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

יוסף הלל בינענפעלד ווינשט זיינע טעכטער, איידעמס, איניקלעך, א כתיבה וחתימה טובה.

אסתר ראטפעדער ווינשט די פאמיליע און אלע בעקאנטע א כתיבה וחתימה טובה.

מילע טיילאר פון לידז ווינטשן אלע זייערע פריינט און באקאנטע א גוט יאר און געזונט און שלום.

אין די מלחמה־יארן האט זיך דער האלענדיש־יידישער שרייבער וואן פראאג אפגעראטעוועט דא ביי אונז אין לאנדאן און היימיש געפילט אין אונזער יידיש־רייד־נדיקע סביבה. איינמאל האב איך אים פארגעליינט מיינע לידער צו האלאנד. יענע לידער, צווישן א סך אנדערע כתבים מיינע, זיינען פארניכטעט געווארן בשעת א באמבונדירן. איז עס א שטיקל פארגיטיגינק צו האבן אין דעם נומער מיינע איצטיקע לידער צו האלאנד אין די פיינע יידישלעכע צער־ציילונג וואן פראאגס איבערן אמאליקן יידישן אמסטערדאם.

## „דער דאקער"

(דעם מנין־לידער פאר די יידישע קדושים־געסלעך פון אמסטערדאם)

דא שפינאזא געגאנגען אין חדר אריין,
רעמבראנד געזען די ביבלישע קעפ;
דא די יארדאנישע־און די יאדנשטראט־יונגען
געגעבן דעם דייטש די ערשטע קלעפ.

שטייט ער דא, דער דאקער, מיט זיינע ידים,
ווי דיין שמשון הגבור, רעמבראנד,
און דער „לישעתך קויתי" געבליבן
געגרונטפעסטיקט אין דער פאליש־וואנד.

יא, מאכט איז אלץ, ביסט גערעכט, ברוך שפינאזא,
בלויז יעקבס־חלום שטארקער פון אלץ!
זע, מיר שטייען נאך גרייט איצט פאר אונזער חלום,
אויסצושטרעקן צום מעסער דעם האלדז.

רעמבראנד, דיין „עקדה" שטייט מיר פאר די אויגן,
אין דיין פארב אונזער יידיש בלוט רינט,
און דער דאקער דא, מיט זיינע צוויי ידים,
מציל געווען נישט־איין יידיש קינד.

## אין יוגנד - הויז „אנא פראנק"

דעמלט אויסגעקליבן א מאן פון נצרת,
איצט, פון אמסטערדאם דאס מיידל, אנא פראנק;
יונגע הערצער זייער צער דערטראגן קענען, —
נישט אויף די קני פאלנדיק מער, — שטארק, שטאלץ, שלאנק.

טאג־טעגלעכע יסורים, שטומען געראנגל,
צאפלט א לעבן אזוי קלאר, אזוי וואר —
איינס פון זיי, זייער גלייכן, א יינג זידיק בלוט,
א קינד קוים פון 13, 14, 15 יאר.

קומען זיי געפילגערט פון אלע וועלט־טיילן,
די טרעפן באטרעטן, אנטאפן די ווענט,



שטיין שטיל א רגע מיט תפילה אין די אויגן,
אויפגעציטערטע, האלטן זיך ביי די הענט:

וואס זיי טון אלץ נישט מיט אונז די דערוואקסענע,
בלויז מיר ווערן ווי זיי, ווען מיר ווערן גרויס . . .
„אז דאס מאל ווידער דווקא געווען איינס פון אונז"
שלאכצט עס פון א יידיש קינד, שטילינק ארויס.

## די לבנה איבערן מייער - פליין

דריימאל זיך געטובלט די לבנה,
אין די דריי כשרע ספרדי־טהור־גראכטן —
ווען זי איז געגאנגען אין שול אריין,
אין די ערב־שבת־קודש־פארנאכטן.

די בענטש־ליכט, צעפונקלט אין די שויבן,
גאט פון אברהם אויפגעגאנגען דריי שטערן,
געצוואגענע פון די גראכטן ארויס —
שעפעלעך ציטערדיקע נאכן שערן.

נאך קידוש־לבנה, אז זי זאל ווערן,
אן פגומה, א קיילעכדיקע אינגאנצן — —
אגיל ואשמח, ווי פריילעך לוסטיק,
פלעגן די געסלעך דא אקייגנטאנצן.

יעצט בלאנקעט זי ארום פאראבלט,
מיט א פנים א פארשמאכטן־פארטראכטן:
גאנצע געסלעך ארויסגענומען מ'האט,
און געטריבן זיי סטאדעס שאף צום שאכטן.

## ארום רעמבראנד - פליין

פונקט ווי די גראכט־ראטן לויפן זיי דא ארום,
די נעכטיקע היטלער יונגען — היינט דייטש דעמאקראטן;
ערשט נישט לאנג באהאנגען מיט טאמי־גאן ביקסן,
אצינד מיט די ראדיא און די פאטא־אפאראטן.

בייטאג טומלדיק־פארטראכט ביי רעמבראנדס „נאכט־וואכע",
און ביינאכט ווי הילכיק צעלאכט אין די הורן־געסלעך!
וואסער „זעענסוויכטיקייט" — זיי זיינען די ערשטע,
פארלעסלעך, נישט פארגעסלעך, ווי געגנוי די אדרעסלעך!

און די ערשטע מחותנים, די אונטער־פירער,
ביים געפילדער געפילגער צום הויז אנא פראנקן —

יא, נאטירליך, טאקע זיי, די נעכטיקע דייטשן,
האבן מיר דאך היינט אט דאס „אננא־הויז“ צו פארדאנקן.

נישט אין באזעצטן האלאנד, אין פרייען אמסטערדאם,
אויפן רעמבראנד פליין א ווארט האלענדיש מען זאל הערן;
אקאפירט אלע קאפע־בענקלעך קיניקט דער דייטש —
ווי ס׳בלאנקט הער קיין־צייכן פון די מעשענע שטערן.

## צוויי לידער

קלאר׳ן וואן ל.

1

דא, ערגעץ־ווו, ארום רייקסמוזעאום,
כ׳קען נישט דערקענען, נישט געפינען,
ביזט דו מיר עפעס וואונדערלעך אזוינס,
ווי נישט פון אונזער וועלט דערשינען.

גליאיק באגליקט — קינדער אזוי קוקן:
אזוינס אויף אונזער וועלט פאראנען!
דעם פלאנטער פון משוגענע בליקן,
נאר ליפן אויפקניפן פערשטאנען.

ווי וואונדערלעך דעמלט די וועלט געווען,
גרויס געשפיגלט אין דיינע אויגן;
פארוואגלטער פויגל געפינט א נעסט,
געזאנג, ארויס אריין געפלויגן.

דא ערגעץ־ווו, ארום רייקסמוזעאום,
כ׳קען נישט דערקענען, נישט געפינען — —
ניין, נישט איך, נישט דו, דעמלט — אפנים,
ס׳איז די וועלט איצט אראפ פון זינען.

2

נישט דערזעלבער ווי דעמלט מיט דיר ביים ברעג דא,
צום ערשטן מאל געזען א ים אזוי אויפברויזן;
א צעברילטער לייב ר׳ווארפט זיך א צעגריוועטער,
ווי מיינע פינגער געציטערט צווישן דיינע קרויזן.

וויפיל שנירעלעך פערל דעמלט פאר דיין האלדז,
פון די שוימענדיקע כוואלעס אראפגעקליבן.
מיין ליד די ציטערדיקע פרייד פון מיינע פינגער!
וויפיל טרויריקע לידער זייט דעמלט געשריבן — — —

אז וואס איז ער נאך דער ים דא און אומעטום,
נאך אונזער זידיק אויפגעברויזטן ים פון טרערן?



ווי ס׳ציטערן מיינע פינגער — ביי א גוסס,
די ליפן באוועגן זיך, בלויז קיין ווארט צו הערן.

נישט דערזעלבער מער איצט נישט איך און נישט דער ים,
מיינע האר אינצווישן אויסגעקראכן, גרוי געווארן;
דיינע אפגעשניטן, אויף דער אשוויץ קופע —
א לייבן־גריווע צעברילט אין גרימיקסטן צארן.

## אנא 1919

דעמלט דא ארויסגע„באגערט“ פון מיין בלוט,
אויפגעברויזטן צעשוימטן, מיין שטיקעלע ערד;
נישט אזוי לייכט קומט עס אן, ביז אין גאטס האנט,
יענס הייפעלע, אויפגעאטעמטע, צוריק מ׳ווערט.

צעגראבן עס מיטן שוויס פון מיין פנים,
מיט זאמען פון הארץ־טארבעלע פארזייט, פארפלאנצט;
ווינד און וויי — ווילד צעוואיעט פרילינג־רעגן,
אין טוי פון מיינע אויגן — זון־אויפגיי צעגלאנצט.

מיט וויפיל געזאנג די זאנגען געשניטן!
א, יעדער שניט טיף אין הארצן איז ער געווען,
וונדן פארבונדענע — בוקן זיך סנאפעס
די חלומות ווי די וואר לייבהאפטיק געזען.

געאקערט, געזייט, געקאשעט געשניטן,
געמלויצעט שוין פון די סנאפעס דעם לעצטן בונט,
איז אין פייער דער שייער אויפגעגאנגען,
אויף הער קייט כ׳סארפע מיך געבליבענער הונט.

און איבערן קוימען צווישן די חורבות,
גייט זון אויף יעדן פרימארגן חולם ווו — אוי:
די וואר ווי דער חלום ביידע פארשאטן,
לעצטע פונקן אונטערן אש טליען אזוי.

## ביים שפינאזע - מאנומענט

עפעס שטימט נישט גאנץ דיין אחד איינמאל איינס,
עפעס א פעלער מוז שוין אין דיין חשבון זיין:
זעקס מיליאן יידן — מיט איין שמע ישראל!
און דיך אזוי פראנק און פריי געלאזן שטיין?

„כי טוב כלב החי מאריה המת“,
א מאנומענט ווי איך בין פון בראנז די פון שטיין — — —

מיט דעם קלוגן שלמה המלך פסוק,
מ׳דרייט זיך נישט ארויס מ׳פארעדט נישט הינטישע ציין.

אמת, גערעכט, שוין א ביסל צו פערזענלעך,
מה ענין טעאַריע לגבי לעבן אליין?
למשל איך איצט כ׳ווייס געגוי, כ׳טו נישט ריכטיק,
און לאז מיך דאך דא לינקס אינם געסל אריין.

און ווען צוריק איך בין ארויסגעקומען,
דיין גאנצער חשבון אז א האר זאל נאך אנגיין!
„אמר ליה (בלעם) בשכבת זרע רותחה״,
יענס שטיקל גמרא געקומען אויפן מיין.

א, אין דער חרם־וועלט, דער שייטער־פלאם וועלט,
א געדאנק געקוואלט קרישטאל־קלאר, קיל פריש און ריין;
ווער ווי דו, שפינאזע, משיג געווען האט,
דעם אחד, אן חיבור, און חיסור, אינציק־איין?

ווי שמונה־עשרהדיק, קיין ריר, אויף איין פונקט,
קרייזנדיק, פון אלע ספירות זיך ארויסדריין,
אן פארמענטשלעכטן יושר, צעשטיקלטן,
אן רחמנות, שפלדיקן, נעבעכדיק קליין.

אז ווו דו נישט שטיין זאלסט איז מקום־קדוש,
אין אזא געסל דא צומאל מ׳דרייט זיך אריין — —
א וואונדער, אז דיך נישט אנרירן געקענט,
די טמא־הענט פונם סמך מם אליין?

און אז פון בלעם קללות, וויסטע חרמית,
ברכות געווארן טא, פארוואסזשע נישט, אם־כן,
פון חרם פון בית־דין פון אמסטערדאם?
ברוך, בענעדיקט, דו גאט־געבענטשטער — אמן.

## דער יונגער וואן גאך

האלצערן קלאפן די „קלומפן״ שוין אין די ראגן,
די רייטוועגעלעך איינס־ס׳אנהערע איבעריאגן,
און דיין „בריון־טרעגער״ בריוו טוט אויסטראגן.

א, איך דערקען זיי דיינע „קארטאפל־עסער״,
יא, דיינע לאנדס־לייט געמאלן האבן בעסער,
דיין בילד אויסגעשניטן מיט שטומפיק קיך־מעסער.

מיט די נישט דערעסערס ווי טיף מיטגעליטן,
אזש „די זון״ פון הימל אראפגעשניטן!
ווי זי בלוטיקט — א לאך טיף אין הארץ אינמיטן.



רעמבראנדיש־אומשטערבלעך דיינע „ארעם בריקן״,
אבער ווילאנג קאן א מענטש שוין אין זיך דריקן:
ווי פארבענקט ס׳קענען „שיך אונטער בענקל״ בליקן —

מיט שרעקלעך צעקרומט פוסקעס, אזוי יללה׳ן!
דעמלט לאזט דו דיך ארויס די פעלהער מאלן,
צוויי ווונד־מילן אויפן רוקן און זיי — מאלן.

## רעמבראנד (סאָנעט)

רעמבראנד, אין דיין וואונדערלעכע שטאָט געקומען,
אין טאָג שפינאזען אין חרם אריינגעלייגט;
פארלאזן גראד — ווען אנא פראנקס טאג־בוך טויט־שווייגט:
עס־עס פון „הינטער־הויז״ זי ארויסגענומען.

ארום דיין געסל דער גראבט שווימט ווי געשוווּמען,
די זון ווי תמיד, פאר דיין הויז זיך טיף פארנייגט,
א בליק אין פענסטער נאך כאפן, העכער אלץ שטייגט,
בלויז דיינע שכנים ארום, זע, אומגעקומען.

די יאדנברע־סטראט־יידן טויט אלע, אלע!
אין רייקס־מוזעאום די „יאדן חתן כלה״,
א מגיפה־חתונה אויף א בית הקברות.
ווי וואונדערלעך דיין שטאָט, וואס געווען אן דיר,
ווי דיינע בילדער אן דיין שכינה־ליכט קאליר —
„לא תעשה לך פסל״־עבודה זרות.

אמסטערדאם 27׳טן יולי — 4׳טן אויגוסט, 1964

## זיגפריד וואן פראאג

## וועספערסטראאט

דאס לעבן איז געווען שטיל; זייער לעבן — זער שטיל. זיי זענען געווען א פארהייראט יידיש פארפאלק, ווי אסך אמאל און היינט. א זקן מיט א זקנה. וואלטן זיי געלעבט אין לאנד כנען, וואלטן זיי זיך געזעסן שטיל אונטער זייער פייגנבוים, קוקנדיק אויף דער לאנדשאפט אקייגנאיבער. און געגוי אזוי אין לאנד, אין דער שטאט, אויף דער גאס פון זייער גלות האבן זיי געטון דאס זעלביקע — האבן ארויסגעקוקט אויף דער גאס.

חיות זייערע מחשבות האבן בלויז אפגעשפיגלט וואס זיי האבן געזעען. קען איך נישט טון בעסער ווי אייך דערציילן וואס אייגנטלעך זיי האבן געזעען. געלעבט האבן זיי אין וועספערסטראאט. איר האלענדישע מענטשן, וואס איר האט געגעבן א טייל פון אונזער פאלק א היים ביי אייך אין לאנד, איר האט גארנישט קיין השגה פון וואס איר האט אונז געגעבן. איר קענט אייך גארנישט משער זיין וואס דאס באטייט פאר אונז, איבערהויפט וואס עס האט באטייט,

אט דער חלק אמסטערדאם, פון ניומארקט ביז וועספערפליין—פאר טויזנטער איינפאכע לייט, און פאר די קינדער פון איינפאכע לייט ווי א שטיק פון ארץ־ישראל.

וועספערסטראאט! א גאס ווי אסך אנדערע. הייזער, איינס ביים אנדערן, הויכע און נידעריקע, הייזער איינגעשרימפענע, איינגעבויגענע פון זקנה, איינגעהויקערטע; הייזער, וואס זענען הויך און פיין און שטייען פעסט, העכער ווי די שכנותדיקע; הייזער מיט א הויט פארשווארצטער פון רויך, צוליב לעבן לאנג אין שטאט און בליקן אזוי שטאר דורך די שויבן די גרויסע. און אויך מאדערנע הייזער, געבויט פון גרויע און רויטע ציגל, וואס זענען אזוי שיין אפגעשיידט איינס פון אנדערן מיט שטרייפנס ווייסן קאלך, און מיט קליינע, גראדע שייבלעך וואס שאקלען זיך נישט אין דער רעם אויף דער עלטער, ווי די אנדערע. און אויף דער גאנצער לענג גאס די קראמען, אין וועלכע מען קען געפינען אלץ וואס זיך איינעם גלוסט.

נאר דאס איז בלויז פונדרויסן. א גאס איז געמאכט פון מענטשן, און אויף דער גאס האבן מענטשן ליב זייער אייגן געשטאלט, פונקט ווי גאט ליבט זיך אליין אין זיין באשאפונג. ווארום ווען די צוועלף שבטים זענען צעשמעטערט געווארן אויף די פעלזנס פון דער געשיכטע, האט דאס פאלק ישראל זיך צעטיילט אויף נייע שבטים. דן, יששכר, נפתלי, יהודה, אפרים, מנשה און די איבעריקע האבן אויפגעהערט צו עקזיסטירן, אבער אויף זייער ארט זענען אויפגעקומען די געטאס פון אמסטערדאם, לאנדאן, ווארשע, ניו־יארק. אין יעדן געטא איז אויפגעשטאנען א נייער שבט פון ישראל. און אט דאס איז איינע פון די גרעסטע פריידן; צו זיין א שבט, צו וויסן, אז דו געהערסט צו א שבט, צו האבן די זכיה צו פילן, אז דו ביסט איינער פון שבט.

די איינוואוינער פון וועספערסטראאט זענען זיך דאס געווען קלאר באוואוסט. אלע האבן געקענט איינער דעם אנדערן. קהלת זאגט: „ויוסיף דעת יוסיף מכאוב“ (און ווער עס מערט קענשאפט, מערט ווייטאק). און מערן באקאנטשאפט קען מסתמא אויך מערן ווייטאק, אבער מערן דאס דערקענען גוט באקאנטע זאכן פארמערט פרייד.

און פאר יענע צוויי אלטע לייט איז דערקענען געווען זייער איינציקע באשעפטיקונג. זיי זענען זיך אפגעזעסן ביים פענסטער, די אלטיטשקע אויף א רויט־פלושענער לענשטול, א ירושה פון איר מאמען, דער אלטיטשקער אויף א געל־פלושענער באקוועמער שטול, א ירושה פון זיין טאטן, און ביידע האבן זיי ארויסגעקוקט און „דערקענט“. ער האט געטראגן א קאפל אויפן קאפ — ס'איז געווען א גרינס פיל אויסגעהאפטן געל, און די ווייסע פיאות זענען אים אראפגעהאנגען איבער די באקן; בעת זי האט געטראגן א ווייס הייבל איבער איר גלאט שייטל, אז עס האט אויסגעזען ווי א פארוויאנעטע בלום. זיין פנים איז געווען דאר, מיט קליינע וואנסעלעך, און טיפע קנייטשן זענען אים געלאפן פון די אויגן אין דער בלאסער הויט אריין. א לאנגע לולקע האט ער געהאט צווישן די דיקע ליפן. איר פנים איז געווען רונדיק, גערונצלט אזוי דין ווי מיט א שפילקע געצייכנט; אירע אויגן זענען געווען האלב פארמאכט מיט פרייד.



ווי זיי וואלטן פארשלאסן א געהיימען אוצר; טיילמאל האט איר מויל זיך געעפנט, אבער באלד זיך ווידער צוגעמאכט, אראפצוהענגען פונעם איבעריקן טייל פנים אין שטיל־שווייגן.

זיצנדיק זיך אזוי, שטיל ווי יאשטשערקעס, יעדעס אויף זיין צווייג, האבן זייערע פנימער און קעפ זיך גענומען פלוצלינג באוועגן. דער אלטער האט צוויי־דריי מאל א שאקל געטון מיטן קאפ מעשה חכם, א ציי געטון ביי דער לולקע און זיך ווידער אנגעלענט אויף זיין שטול. אין משך פון דער זעלביקער צייט האט זי צוגעשאקלט מיט איר קאפ אפשר צוואנציק מאל גיך גיך; האט אויף א רגע אויפגעמאכט די האלב פארשלאסענע אויגן ברייט און פריילעך, ביסלעכווייז זיי צו לאזן זיך אומקערן צום פריערדיקן צושטאנד פון זיין האלב פארמאכט.

זיי האבן דערקענט עמיצן פון שבט. גרעסטנטיילס אלטע לייט. איינער וואס איז תמיד געווען אן אביון און איצט גייט עס אים גוט אדאנק זיינע קינדער, וועלכע האבן אים אפילו פארזארגט מיט א פעלץ, אין וועלכן ער גייט זיך אזוי באקוועמלעך אין דער מייערפליין־שול אריין. ווארום די אינטערעסאנטסטע פארבייגייער זענען עס געווען די, וואס זענען געגאנגען אין שול אריין.

אין דעם פאל האט דער שאקל מיטן קאפ פון מאן צום ווייב באטייט: „דאס איז משה גראון; ער גייט איצט אין שול אריין. ער האט שוין פרנסה, צייטן בייטן זיך, ער פלעגט זיין אזוי ארעם ווי איוב. ר'האט גוטע קינדער . . .“

אט דאס אלץ און א האר נישט ווייניקער איז געלעגן אין יענעם בליק: באשטימונג — אנטשיידונג — פילאזאפיע!

און טיילמאל האט זייער שאקלען מיטן קאפ באטייט גאנץ עפעס אנדערש: „קוק, אט איז יצחק פאלאק, א קבצן ווי צען איובס! געווען אמאל אן עושר. נאר צייטן בייטן זיך! ווי שטאלץ ער פלעגט דאס זיין ביי זיך!“ און מיט רחמנות האבן זיי געקוקט אויף דער איינגעבויגענער געשטאלט אין אפגעריסענעם מלבוש און פארשטויבטע שיך.

טיילמאל איז אין זייער שאקל מיטן קאפ געלעגן דרך־ארץ. דאס איז געווען ווען דער רב אדער דער חזן איז פארבייגעגאנגען. און טאמער איז זייער שאקל מיטן קאפ נישט געווען אזוי דרך־ארצדיק און אויף די ליפן האט זיך באוויזן א שמייכעלע, האט עס באטייט „זיין דרשה דעם שבת איז נישט געווען אזוי איי־איי־איי!“ אדער: „די כלי איז שוין ביי אים נישט אזוי גוט“.

נאר ווען דאס שאקלען מיטן קאפ איז געווען זער גיטיק, איבערהויפט דער אלטיטשקעס, איז עס געווען ווען זיי האבן געקוקט אויף כהנס קינד, דאס אייניקל פון אן אלטן ידיד, ווי עס האט ארויסגעשטרעקט דאס קעפעלע פונם קינדער־וועגעלע ארום בשעת די מאמע איז דערמיט געפארן. דעמאלט האט דאס פנים פון דער זקנה אזוי פריידיק געשיינט, און איר שאקל מיטן קאפ האט באטייט: „וואס פאר א שיין קינד, קיין עין־הרע זאל אים נישט שולט זיין!“ בעת דעם מאנס שאקל מיטן קאפ האט געזאלט געבן אן אנצוהערעניש, אז עס איז צו סכנותדיק צו פארן מיט אזא קליין קינד אויף א גאס, וואס ווימלט

אזוי מיט מענטשן.

זיי האבן דערקענט די שכנים, דעם פעלדשער אנטקיגנאיבער, מ׳ט זיינע שווארצע, געדרייטע וואנסעס; און דעם קצב, מיט זיין פארבלוטיקט פארטוך, און דאס קצב־מעסער אין דער האנט, ווי ער רעדט זיך אזוי אדורך מיט א פארבייגייער.

א סעפאראטער שבט אן און פאר זיך אין ישראל!

דאס אלטע פארפאלק פלעגט אויך ארויפקוקן צום הימל. טיילמאל האט די זון אזוי פארפלייצט דעם טראטואר מיט אוצרות ליכט, אז די גאנצע גאס איז אנגעפילט געווארן הערמיט און אפילו די שטובן און די הייזער. דער אספאלט האט געפינקלט, די קינדער האבן זיך פריילעך געשפילט אינם שטויב; קליינע מיידעלעך, מיט דער מינע פון דערוואקסענע מענטשן, האבן געפירט זייערע קלענערע ברידערלעך ביי דער האנט און אוועקגעשלעפט ווען יענע האבן זיך געוואלט אנידערזעצן אויף דער גאס.

קליינע מיידעלעך, מיט די פיסלעך אויסגעצויגן הויך, האבן זיך געבאדן אין דער זון אויף דער שוועל פון זייער שטוב, ביי דער זייט פון זייערע באבעס. א מחנה יינגעלעך און מיידעלעך; קרענצלעך מיידעלעך, געארעמט; יינגעלעך, שטיפנדיק און רייצנדיק זיך איינס מיטן אנדערן ווי מאלפעלעך; ארעם געקליידטע מיידעלעך און רייך געקליידטע מיידעלעך; יינגלעך אין קורצע הייזלעך, לאנגע זאקן און שניפסן. אלע האבן זיי אויסגעזעען ווי זיי וואלטן ארופגענידערט — אלע ווי א ווירבל־שטראם אויפן וועג אין דער שולע אריין... עס האט אמוזירט די אלטע לייט. און די זון האט אפילו אריינגעדרונגען אין זייערע נשמות אריין, און אויך דארטן געלויכטן.

טיילמאל האט עס גערעגנט. דעמאלט פלעגן זיי זיך צוקוקן ווי מענטשן לויפן פארביי גיך אין אלע ריכטונגען, האסטיק זיך צו שיצן ווי ווערעם אונטער דער ערד, און פייגעלעך צו די דעכער און בוימער. מענטשן זענען געלאפן אין די טראמווייען אריין, האבן זיך צוזאמענגעדרעגנט ביי אריינגאנג אין די געשעפטן, וווּ נאר מ׳האט געקענט געפינען באשיצונג פונם רעגן. דער רעגן האט געפאטשט אויפן שימערנדיקן באדן. און די טראפנס רעגן זענען געפאלן אין די קאלוזשעס אריין און ווידער ארויסגעשפרונגען. אין אזא צייט פלעגן די אלטע לייט זיך פילן צופרידן מיט זייער שטוב און דער זיכערקייט. זייער לעבן איז געווען ווי אן איינגעזאמלטער שנים. זיי האבן געווארט גאנץ שטיל און גאנץ רואיק. און זיי האבן בלויז געשאקלט מיטן קאפ. נישט בלויז איז וועספערסטראאט געווען זייער ירושה, נאר אפילו א שטיק פונם קאנאל, וואס שניידט אדורך וועספערסטראאט און ברענגט אריין אביסל וואסער און פרישע לופט, און אפאר ביימער אויפן האריזאנט פון גלות־פאלק.

די אנדערע מיטגלידער פונם שבט האבן נישט געקענט זען דעם קאנאל. אט דאס האט פארשאפט די אלטע לייט גאר אסך פרייד, ווייל פון זייער פענסטער האבן זיי געקענט כאפן א בליק אויפן וואסער. א ליכטיקער האלענדישער הימל, וואס מאכט אייך זיך חידושן צי דאס בלויע האט זיך אויסגעשפרייט איבערן ווייסן אדער צי ווייסע פלעקן האבן זיך אויסגעשפרייט איבערן בלויען;



טיילמאל זענען א״ך געווען וואלקנס, וואס האבן כסדר געענדערט זייער פארם, איצט לענגלעך, איצט איינגעהויקערט, און א רגע שפעטער גאר קיילעכדיק, ווי עמיצער אויפן הימל וואלט זיי געהאלטן אין איין אויסקנעטן. בלויז איין בוים האט מען געקענט זען, וואס איז אריבערגעהאנגען און וואס זיינע בלעטער האבן זיך אזוי שטיל באוואויגן אינם ווינט, און טיילמאל פלעגט זיי שמייסן א הארבסט־ווינט. און ווען די אלטע לייט האבן דאס געזעען, האבן זיי געשאקלט מיטן קאפ. און זייער שאקלען מיטן קאפ האט באטייט: „שכוחו וגבורתו מלא עולם״. און ס׳האט אויך באטייט: „ס׳איז א פיין הויז אונזערס. ווער וואלט עס זיך געריכט אויף א בוים אויף אונזער גאס?״

אזוי־א האבן זיי געקוקט און אנגעפילט דאס לעבן מיט צוקוקן זיך צו אנדערע מיטגלידער פונם שבט, וועלכע האבן זיך נאך נישט געקאנט פארגינען צו קוקן, וועמעס לעבן איז נאך א לעבן פון ארבעט, און וועמעס שבת איז נאך נישט געקומען.

אזוי ביז א געוויסן פרימארגן, ווען די אלטיטשקע האט געזעען איר מאן קומען צוריק פון דער מייערפליין־שול, וווּ ער איז געגאנגען דאווענען, מיט זיין גלאנציקן, זיידענעם צילינדער אויפן קאפ, א סידור אין דער האנט; און פונקט פארן פענסטער איז אים א רייטוועגעלע איבערגעפארן. און פאר זיין אייגענער טיר, ארומגערינגלט פון אסך מיטגלידער פון זיין שבט, וואס האבן אים „דערקענט״, איז ער אויסגעגאנגען...

דעמאלט האט מען פארצויגן די גארדינען מיט טרויער, און זיי האבן מער נישט געקוקט.

איבערזעצט פון
א. אלמוג

## י. ה. בארנשטיין

# טאנטע סאאר (מומע שרה)

(אונזער איינציקער געבליבענער טיפ אין אמסטערדאם)

ווער ס׳איז נישט געשטאנען אויפן רעמבראנט פליין איז אין אומסטערדאם נישט געווען; ווי געשיקט זיך זענט איר נישט געזעסן אויפן טעררעאס, פון איינע פון די אזוי פיל קאפעס ארום דעם דאזיקן פלאץ אין מיטן א גערטענהויל־פלאנטאציע ווו ס׳שטייט די סטאטוע פונם מאלער רעמבראנט אהין קוקנדיק צום וואסער די „אמסטעל״. — אמאל איז ער געשטאנען מיטן פנים צו די קאפעס — נאר ביים אויסבעסערן דעם פלאץ וואס איז געווארן נויטיק בכדי צו קריגן מער רוים פאר דעם שטעטס גרעסערן פארקער איז דער קלייגער פארק נאך מער געווארן איינגעשרימפן דעם מאלער האט מען אנגעצוואגען ציגעפוצט און אים אויסגעקערעוועט מיט א האלבן דריי צו דער אמסטערדאמער באנק וואס הינטער איר ליגט די אמעטעל. אין זייט דעמלט שטייט ער מיטן רוקן צו דער „טאנטע סאאר״.

יארן לאנג האבן ביידעס פנימער זיך צוגעקוקט צו די קאבארעט׳ס באר׳ס קאפעעס און אין זיך אויפגענומען אלעס וואס האט זיך ארום זיי אבגעש־

פילט. ער הער מאלע א תמיד שוויגענדיקער מאנומענט אין זי א שוויגענדיקער לעבעדיקער נפש. 54 יאר אזוי זיצט זי דארט אינטער א לייוונטן בלומען געשטעל. א בלומען בויד. זי פארקויפט בלומען פאר די פארבייגייער. ביי איר די שיינסטע בלומען אנהויבנדיק אין פרילינג מיט נארציסען טולפען, היאצינטען, די נאציאנאלע האלענדישע בלומען, שפעטער אריין אנעמערס, פיאלירהען סקאביאזען — און תמיד די שיינסטע רויזען. און הערבסט ביז אין ווינטער אריין האט זי אויף איר קראם די בארימטע האלענדישע קריזאנטעמען. זי פארקויפט די בעסטע סחורה פאר מבינים קויפער. עס זענען אירע הויפט קונים ארטיסטן אדער ארטיסטען־פארערער וועלכע זיינען מכבד די אקטריסען וואס טרעטען אויף ארום און אין דארטיקע קאבארעס אדער טהעאטער׳ס. זי איז היינציטאג שוין אלט 78 יאר. און נאך זיצט זי מיד פון אלטקייט א פארקרומט שיף — פנים ס׳איז א באזונדערער טיפ. ענלעכע האט איר געקאנט געפינען אויף גאליצישע מערק ווי אין קראקא אויפן פלאץ זכרונם לברכה.

זי זיצט פארשוויגען איינגעלייגט שטארק פארדריסיג, אפשר ווייל רעמבראנט שטייט אויסגעדרייט צו איר. ער הער מיט (זיצער) שטייער — טאג איין טאג אויס שוין פון מכמה יארן?

דער מאלער דערציילט גאר נישט ער קוקט און שוויגט, פארדאס אבער „טאנטע סאאר" קאן שוין יא דערציילן, אין צוגעטוליעט אין קאלטע רעגענדיקע טעג צו דער בויד סיי זומער סיי ווינטער, קוקט איר אן — און זי שיינט אויך צו זיין א מאנומענט — גיב איר אבער אפרעג — עפענט די א מויל. ווייס וואס צי צערציילן, א יובל געשיכטע פון אמסטערדאם טראגט די ביי זיך. די האט געזען דאס גרויסע דראמא, ווי צוליב א ליבע געשיכטע איז געווארן דערשאסען אין א מיטען ליכטיקן טאג דער גרויסער בארימטער און באליבטער האלענדישער ארטיסט „פיסוויס", דערשאסען געווארען צו פיסענס דער רעמבראנט־סטאטוע. טויזענדער מענשען זיינען דערנאך טעגליך געקומען אויפן רעמבראנט פליין אנקוקען דאס שטיקעל ערד פון די רציחה עטלעכע וואכן לאנג אזוי, עפעס ווי צו א קבר פון א גוטען ייד. טאנטע סאאר א קינד פונם יידישן פירטל פון אמסטערדאם איז גלייכצייטיק א פנקס פון דער ארטיסטען וועלט אמסטערדאם. — איז זי טאקי אויך פון די ארטיסטען באליבט געווארן. זיי וועלכע ס׳קומט אויס זי צו זען טאג טעגליך אינ׳ם הו־הא פון דאנען האבן זיך פלוצים ארומגעזען און נאכגעציילט אז דאס יידיש ווייבעלע זיצט שוין אזוי צו פארקויפן בלומען אזא ערך ווי פינפציג יאר, האבן זיי באשלאסן צו מאכן איר א יובל, מען האט איר ארייגענומען צווישען חברותא. געמאכט א יובל מאלצייט אין „טאנטע סארא" בראש. זי די פארשרומפענע אלטע יידענע צווישן די פריילעכע אויסגעלאזענע פון פרייד אקטיארען ארטיסטקעס און שרייבער און אלעס פון דעם מין ס׳איז געווען יענע הולאנקע, צייטונגען געווען פול ווי אויך דער ראדיא־טעלעוויזי. טאנטע סאאר יובילירט. און צום סוף האבן זיי פאר איר אויסגעפינען א מתנה א בחנמדיקע רייזע קיין ישראל פון עטלעכע וואכן. — זי איז געפארן און געזען ישראל. זי וואס אויסערלעך איז זי אזוי שטארק אסימילירט, מען זאל זאגן זי ווייסט אודאי נישט קיין



צורת אלף. איז געווען פון דער רייזע אזוי אנטציקט ענטוזיאסטיש, ווי נאך קיינע נישט. צוריקקומענדיק דערציילט זי אירע קונים יידן צי גוים, אזא שיין לאנד ווי ישראל איז נישט פאראן אויף דער גאנצער וועלט — זי האט זיך דארט מחיה געווען. די דייטשען האט זי פיינד. ווי א ייד קען פיינט האבן. — אלע האלענדער האבן פיינט די דייטשען — בעת דער אקופאציע האבן די נאצים — נאכדעם ווי דער רוב יידן זיינען שוין געווען דעפארטירט ארויסגעגעבן א באפעל אז יעדער האלענדער מוז זיין אפגעבען די „פיטצען" (ראוהערס) א פיצל פארן האלענדער איז ווי א פאר שיך. אוועקנעמען זיי די „פייץ" איז פשוט זיי אוועקשטעלן בארפעס — יעצט נאכן קריג איז געשאפען אזא אויבערפלעכלעכער שלום מיט זיי — זיי קומען אלא טוריסטען, ברייינגען אריין אסאך געלט מוז מאן מאכן א שווייג און אנטון א שיין פנים, אבער ס׳גייט ארום א גלייך ווערטעל — שלום יא — אבער ערשט גיב מיר צוריק די פיצל! — טאנטע סאאר איז נישט פאר דעם דאזיקן שלום. עפעס א חידוש?! — אז סקומט א דייטש פארביי איר קראם — שלאפט זי, צי אפשר איז זי טויב. זי איז דאך אן אלט־מענטש — זי דערציילט אז א דייטש געלונגט איר איפצוואקן ביי איר פרעגן די אדער יענע גאס — פארשיקט זי אים אין א להפיכדיקע ריכטונג מיט געבענדיק אים אגאנץ גרויסע קללה. יא זי איז פארביטערט זי איז אויך געווען פארשיקט דורך די דייטשען אין די לאגערן נאר היות זי איז געבוירן געווארן אין לאנדן (פון יידישע האלענדער) האט זי געהאט ענגלישע צוגעהעריקייט, מיט גוטע באווייזן. און ווייל זי האט געהאט די ענגלישע בירגערשאפט, האבן די נאצים זיך פארטראגן צו איר מיט א ביסעל דרך ארץ. ענגלישע בירגער האבן זיי מורא געהאט צו באהאנדלען אזוי אכזריותדיק ווי אנדערע יידן. מורא האבנדיק פאר רעפרעסיעס. אט דאס איז געווען איר רעטונג — זי איז אויסגעטוישט געווארן פאר א דייטש. און דארפאר האט זי נאך די זכיה לעבען און די פארקויפן בלומען אויפן ראמבראנט פליין.

שמואל ווהייט

## יום כיפור

א תפילה בלחש

אלמעכטיגער פארנעם מיין תפילה
וואס דרינגט ארויס פון מיין הארץ
מיט שוויגענדע ליפן און אויגן פארמאכטע:
„יודע יצר"
דערהער מיין תפלה,
פארשער ניט מיין צעוויטאגט געבעט,
נעם דעם אפער מיין בלוטשטארץ
דעם קרבן עולה —
מיין תפלה בלחש . . .

## לאז מיך ניט פארצערן

אלמעכטיגער לאז מיך ניט פארצערן,
אין דעם ביטערן קוואל פון מיינע טרערן,
ווען די שעה נעענטער זיך פון מיין צעשטערן.

דערזע דעם שטילן צער, דעם צארן
וואס צינדט אין מיר ווי דער „סנה" דער דארן,
וואס ברענט און איז ניט פארלאשן געווארן.

א גאט! דערהער מיין צעבראכן געבעט,
אין מינוטן איידער עס ווערט צו שפעט.

## דאס לעבן לויערט

דאס לעבן לויערט,
„טויט" וויל מיך פארשלינגען,
ווארט איך אן זארגן
אויף דעם מארגן,
וואס וועט מיך באצווינגען.

היינט האט עס אין מיר געוויינט,
„דער מקור דער שטאם"
וואס ווערט נאכאמאל פאראייניגט,
אין דעם אויסגעפאקערטער פלאם.

דאס לעבן לויערט,
ווער באהויערט?
ווער טרויערט?

## מיין נשמה

געבענטשט און פארשאלטן איז דער
וואס איז פארמישפט צו באזיצן,
דעם געפיל פון גרויסקייט:
ראנגל איך מיך מיט מיין „איך",
אין ווער אין שווערן ראנגל דערשלאגן — —
א, דאמאלט האבן די שטערן,
אומזיסט ניט געפינקעלט —"

## „אין - סוף"

איך וויל פון לעבן אנטרינען,
מיך באהעפטן מיטן „אין סוף",
אייביק דארט רו געפינען.



דער ניצוץ האלט אין צאנקען,
מ'טערט מיך „מיין איך",
מיט צעטומלטע געדאנקען.

א אלמעכטיגער באשעפער,
שווער איז דער ליים — לייכט דערגייסט,
א דו, דער קינסטלערישער טעפער.
מיינע ליידען די אליין נאר ווייסט . . .

## „כי הנה כחומר"

איך ווארף דיר בורא צוריק דעם פקדון,
דאס ליים אין וועלכן דו האסט מיך געקנעטן,
דו האסט מיך אויך אין דיין פורעם באשאפן —
ווער האט די טובה ביי דיר גאר געבעטן?

האסט מיט א ניצוץ פון חכמה מיך באערט,
איך זאל א סך מער וויסן און פארשטיין.
באטראכט איך „מיין איך" און לעבנס־געראנגל,
פיל איך מיך א געפענטעטער אין מיין פיין.

דאס ליים פון דיין קינסטלער־האנט געקנעטן,
ווערט אלץ טרוקענער און צעברעקלט זיך
קען איך לענגער דעם פקדון ניט היטן
באשולדיק ניט מיך — באשעפער — נאר אליין דיך . . .

י. ריכטיגער

## די רעאליזאציע פון תשובה

די רעאליזאציע פון תשובה, אדער איינזען און קארעקטירן פעלערן, איז דער ציוויליזאציע פראצעס פון מענטשן־מין. די גאנצע טעכנישע אנטוויקלונג, וואס האט זיך אנגעהויבן מיט אויסהאקן וועדקצייג פון פלינטשטיינער און דערפירט ביז די איצטיקע קאמפליצירטע מאשינען, האבן די מענטשנקינדער אויסשליסלעך צו פארדאנקן זייער פעיקייט פון פעסטשטעלן און פארריכטן חסרונות. אבער אזוי ווי די פעיקייט פון תשובה טוען איז דער ארויסקום פון אן איינגעבוירענעם דראנג אין יעדן באשעפעניש, צו זוכן נוצן און פארמיידן שאדן פארן אייגענעם דערהאלט, ווערט דער פראגרעס אין מענטשלעכקייט באקעמפט און געשטערט פון דעם אינסטינקט. — די טעכנישע אנטוויקלונג פון די מענטשנקינדער איז א סך העכער ווי זייער פראגרעס אין מענטשלעכקייט, ווייל אין טעכנישע ענינים זעט יעדער איינער, אז פעלערן שעדיקן זיין דערהאלט און פון קארעקטירן זיי האט ער נוצן, דערקעגן אין ענינים פון מענטשלעכקייט זעט יעדער איינער, אז פעלערן: פארברעכנס ברענגען אים נוצן און פון קארעקטירן זיי: פון פארגוטיקן די געליטענע האט ער שאדן.

אמת, די פרידלעכע צוזאמענלעבונג פון די מענטשנקינדער און דער ישוב העולם ווערט צעשטערט פון רויב, מארד און אנדערע אוממענטשלעכקייטן. אבער דאס איז א וויסנשאפט וואס נאר אינטעלעקטועלע אידעאליסטן באנעמען איר, ניט דער המון. די גוטע און שלעכטע מעשים פון פשוטן מענטש ווערן דיקטירט פון זיין איינגעבוירענע אייגנשאפט צו זוכן נוצן און פארמיידן שאדן פאר זיין זעלבסט דערהאלט. דעריבער האבן שוין די סאציאלע רעפארמער אין מענטשס פרימיטיווע צייט פארפאסט געזעץ־קאדעקס מיט הארבע שטראפן, אז יעדער איינער זאל מורא האבן און אונטערדריקן זיין איינגעבייכענעם דראנג צו דערהאלטן זיין לעבן אפילו אויפן חשבון פון אנדערע. און די מורא פאר שטראף, וואס איז די איינציקע ביישטייערונג פון די מענטשנקינדער צו זייער ציוויליזאציע, האט פאקטיש ביז איצט באשיצט די ציוויליזאציע פון אונטערגאנג. אזוי ווי רבי חנינא האט געזאגט, „שאלמלא מוראה איש את רעהו חיים בלעו״: ווען ניט די מורא פאר שטראף, וואלט א מענטש איינגעשלינגען זיין פריינד לעבעדיקערהייט. (פרקי אבות פרק ג׳־ב׳)

אבער די מורא פאר שטראף, וואס די סאציאלע רעפארמער האבן בייגעשטייערט, האט נאר געווירקט אין א באגרעניצטער מאס, ווייל איינער קאן זיין בעסטיאליש ניט ברעכנדיק קיין געזעץ פון קאדעקס, אדער טוען אומווירדיקייטן אין געהיים, און אויף פארברעכן פון איין פאלק קעגן א צווייטן זענען די שטארף־געזעצן איבערהויפט ניט חל. דעריבער ווערט ביזן היינטיקן טאג ניט געהערט דער ווי געשריי פון אונטערדריקטע און עקספלואטירטע, די בלוטיקע טרערן פון אין דער פינסטער געליטענע ווערן ניט געזען, און פעלקער טעראריזירן איינע די אנדערע אין דער עפנטלעכקייט ניט מורא האבנדיק פאר קיינעם. ניט זייענדיק צופרידן מיט דער מורא פאר שטראף, האבן א גרויסער טייל פון ניט־יידישע וויסנשאפטלער און רעליגיעזע דענקער איבערגענומען די טעאריע פון די גריכישע פילאזאפן פלאטא און אריסטאטל, אז פאר די מענטשנקינדער, וואס זענען דערצויגן געווארן אונטער דעם איינפלוס פון די אלטע ציוויליזאציע, איז ניט פאראנען קיין שום רפואה, די היינטיקע בעלי תשובה וועלן מארגן ווידער זינדיקן, ווייל זייער אוממענטשלעכקייט איז אן איינגעבוירענע אייגנשאפט. דער איינציקער אויסוועג איז, דערפאר לויט זיי, צו שאפן א מאנאליטישע קולטור אויף די העכסטע סאציאלע יסודות, וואס זאל אנע רחמנות פארניכטן די, מיט די באציליען פון דער אוממענטשלעכע ציוויליזאציע, אנגעשטעקטע מענטשנקינדער, כדי די קומענדיקע דורות זאלן געבוירן ווערן און אויפוואקסן פריי פון אינסטינקט און סביבה צו זיין אוממענטשלעך.

אין הסכם מיט דער טעאריע פון די גריכישע פילאזאפן האט דאס קריסטנטום אויפגעבויעט איר סאנאליטישע קולטור אויף אזעלכע הויכע סאציאלע יסודות, וואס האבן צו זיך קיין גלייכן געהאט אין דער געשיכטע פון מענטשן־מין. (נייער טעסטאמענט־מתתיה קאפ. 5, 21־44) אין משך פון איר קנאפע צוויי טויזנט יעריקער עקזיסטענץ האט זי פארגאסן דאס בלוט פון אנצאליקע מיליאנען מענטשנקינדער אויף איר מזבח, און ביז איצט איז איר ניט געלונגען צו



דערציען כאטש איין דור וואס זאל זיין פריי פון דראנג צו אוממענטשלעכקייט. דעם זעלבן וועג פאלגט נאך די נייע מאנאליטישע קולטור פון קאמוניזם, געבויעט אויף קאלעקטיוויסטישע יסודות. אומגעהויער איז די צאל פון אומשולדיקע מענטשנקינדער, וואס זי האט פארניכטעט אין איר קורצער עקזיסטענץ, כדי די איינגערעדטע נייע דורות באפרייט פון אוממענטשלעכקייט זאלן אנטשטיין. אין אמתן אבער איז די אוממענטשלעכקייט פון ביידע מאנאליטישע קולטורן דער איינציקער יסוד פון זייער עקזיסטענץ, זיי וועלן פארשווינדן ווערן פון דער ערד ווען זיי וועלן ניט האבן קיין שעיר לעזאזל ארויפצולייגן זייער דורכפאל צו פארענדערן די נאטור. מורא פאר שטראף איז דעריבער דאס איינציקע מיטל צו באצווינגען דעם איינגעבוירענעם דראנג פון אוממענטשלעכקייט, און כדי די מורא זאל אויך איינשליסן בעסטיאלישקייט ניט ברעכנדיק קיין געזעץ, אדער אומווירדיקייט אין געהיים און פארברעכן פון איין פאלק קעגן א צווייטן, האט תורת משה באפוילן „יראת שמים״: מורא פאר א שטראף פון הימל. דער באשעפער ליינט די מחשבות פון יעדן מענטש, זעט אויך דאס וואס ווערט געטוען באהאלטנערהייט און מאכט פאראנטווארטלעך אלע פעלקער פון דער ערד, פאר פארברעכנס פון איין פאלק קעגן א צווייטן. תורת משה זאגט — „ועתה ישראל מה ד׳ אלהיך שאל מעמך, כי אם ליראה״: און איצט ישראל, וואס דיין אלמעכטיקער פרעגט פון דיך איז, אליין נאר, דו זאלסט מורא האבן פאר אים און גיין אין זיינע וועגן . . . די וועגן זענען — ער איז קיינעם ניט נושא פנים און נעמט ניט קיין שחד, ער טוט גערעכטיקייט צום יתום און צו די אלמנה, און האט ליב דעם פרעמדן צו געבן אים ברויט און קליידונג . . . (דברים י׳)

דיזעלבע באטאנונג, אז די מורא פארן באשעפער דארף צוריקהאלטן דעם מענטש פון ניט־קאדיפיצירטע אוממענטשלעכקייט, זעט מען אויך פון אנדערע מאמרים אין תורת משה. — זאלסט ניט שיקאנירן דיין פריינד און זאלסט ניט צוריקהאלטן דעם לוין פון א טאג ארבעטער ביז אין דער פרי, זאלסט ניט שעלטן א טויבן און פאר א בלינדן זאלסטו ניט לייגן קיין שטרויכלונג, דו זאלסט מורא האבן פאר דיין אלמעכטיקן. (ויקרא י״ט) זאלסט ניט אפנארן דיין פריינד, דו זאלסט מורא האבן פאר דיין אלמעכטיקן. דו זאלסט ניט נעמען קיין צינזן אדער וווכער פון דיין ברודער אדער פון א פרעמדן, וואס וווינט אין דיין לאנד, דו זאלסט מורא האבן פאר דיין אלמעכטיקן. אז דיין ברודער וועט זיך פארקויפן צו דיר פאר א קנעכט זאלסטו ניט געוועלטיקן איבער אים מיט הארטקייט, האב מורא פאר דיין אלמעכטיקן. (ויקרא כ״ה) און נאך אנדערע מאמרים.

דערפון האט רבי חנינא ארויסגעדרינגען אז, לויט תורת משה, — „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים״: אלעס פאראויסבאשטימט פון הימל, אויסער די מורא פארן הימל. (ברכות ל״ג) אזוי ווי אנגעוויזן אין אנהייב פון דער אפהאנדלונג, איז ער גאנצער ציוויליזאציע פראצעס פון די מענטשנקינדער איז די רעאליזאציע פון תשובה, פון פעסטשטעלן און פאררעכטן חסרונות, וואס איז דער ארויסקום פון איינגעבוירענעם דראנג אדער פאראויסבאשטימטע נאטור

צו זוכן נוצן און פארמיידן שאדן פארן אייגנעם דערהאלט, אויסער די מורא פארן הימל, וואס דער מענטש האט בייגעגעבן צו באצווינגען זיין אוממענטש־לעכקייט, כדי צו דערהאלטן די ציוויליזאציע. די חכמי התלמוד נאך רבי חנינא האבן אין איינקלאנג מיט רבי חנינאס מיינונג אנגעוויזן, אז די מורא פארן הימל איז טאקי דער יסוד פון דער גאנצער ציוויליזאציע, און איך די איינציקע מאניפעסטאציע, אז עס פאראנען אן אלמעכטיקער. (שבת ל״א)

ווייטער האט איינער פון די שפעטערדיקע חכמי התלמוד, רב חנינא בר פפא, אויסגעטייטשט רבי חנינאס מיינונג אין א פיזיאלאגישן אופן. — אז דער מלאך פון געבורט ברענגט די באפרוכטיקטע אוואריע צום אלמעכטיקן און פרעגט — וואס זאל ארויסקומען פון איר, א שטארקער מענטש אדער א שוואכער, א קלוגער אדער א נאר, אן ארימאן אדער א רייכער, אבער צו דער מענטש וועט זיין א צדיק אדער א רשע פרעגט ער ניט. (נדה ט״ז) דאס הייסט אין די גענעטיקס זענען איינגעפלאנצט אלע אייגנשאפטן פון צוקונפטיקן מענטש, וואס ער איז ניט בכח צו פארענדערן, אויסער צו זיין א צדיק אדער א רשע, הערויף ווערט אים געגעבן א בחירה, אז ער וויל האט ער מורא פארן אלמעכטיקן און איז א צדיק, און אז ער וויל האט ער ניט מורא פארן אלמעכטיק און איז א רשע.

רבי חנינא זעלבסט האט נאך אין א דייטלעכערן אופן אנגעוויזן אז מענטשלעכקייט און אוממענטשלעכקייט איז אונטערוואָרפן די בחירה פון מענטש. אין א צווייטן מאמר זאגט ער — „הכל בידי שמים חוץ מצינים ופחים": אלעס איז פאראויסבאשטימט פון הימל, דורך דער איינגעבוירענעם דראנג פון זעלבסט דערהאלט, אויסער פראסט און פייער, אדער הערנער און נעצן. (כתובות ל׳) דאס הייסט: ניט אליין איז מענטשלעכקייט און אוממענטש־לעכקייט צו אנדערע אין די הענט פון יעדן מענטש, אז ער וויל איז ער גוט און אז ער וויל איז ער שלעכט, נאר אויך מענטשלעכקייט און אוממענטשלעכ־קייט צו זיך זעלבסט ליגט אין די הענט פון יעדן מענטש. אז ער פאסט ניט אויף און פאלט אריין אין א געפרוירענעם טייך אדער אין א פייער, אדער ער היט זיך ניט צו גיין ווו עס איז סכנת נפשות, איז ער אליין שולדיק אין זיין אומקום. אויף דעם האט רבי חנינא ציטירט א פסוק אין משלי — „צנים פחים בדרך עקש שומר נפשו ירחק מהם": קעלט און היץ, אדער הערנער און נעצן זענען אויפן וועג פון איינגעשפארטן, וואס גלייבט אז ער האט ניט קיין בחירה, ווער עס היט זיין לעבן זאל זיך דערווייטערן פון סכנות. (משלי כ״ב) און אפילו איינער וואס ווערט דערהרגט פון א מערדער איז זיין טויט ניט געווען פאראויסבאשטימט, „יש נספה בלא משפט": עס איז אויך פאראנען, איינער פארגייט א ניט פארמשפטער. (משלי י״ג, חגיגה ה׳, רבינו חננאל) ער איז דערהרגט געווארן פון איינעם, וואס האט ניט געהאט קיין יראת שמים . . .

א רפואה שלימה אונזער פריינט און קולטור־טוער לו אלמאן, א גוט־געזונט יאר.
„פריינט פון יידיש לשון"



## יוסף לעפטוויטש

### ראש חודש

ארויף און ארויף
ציען די חדשים זיך ווייטער,
ווי א באוועגלעכע טרעפ,
ווי א באוועגלעכע לייטער.

מיר הויבן זיך אויף די שטיגן.
יעדער חודש איז א טרעפ,
וואס פירט אונז אין דער אייביקייט,
מיט אונזערע גראע קעפ.

ביי יעדער טרעפ בעטן מיר
ס׳זאל זיך ניט אפשטעלן דא,
מיר זאלן ניט בלייבן שטעקן,
איידער ס קומט אונזער שעה.

יהי רצון — גיב אונז לעבן —
איך הער מיין מאמע דאס זאגן,
איך הער איר טויט קול
צו מיר זיך דערטראגן.

ווי זי פלעגט בענטשן ראש חודש,
ווי זי פלעגט בענטשן מיך אויך,
איצט דערהויב איך זיך צו איר
אויף די שטיגן, גאר הויך.

יעדן חודש קום איך נענטער,
דארטן אהין,
ווו מ׳ציילט מער ניט קיין חדשים,
אזוי ווי פארן באגין.

## יידל גאלדבערג

### א מזלדיקער טאג

דינסטיק, דער 5טער נאוועמבער, 1963, איז פאר מיר געווען א טאג, וואס איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן (ווי איר זעט, געדענק איך אפילו דעם דאטום). נישט בחינם איז דינסטיק א מזלדיקער טאג ביי דער באבען געווען!

באלד אינדערפרי בין איך (דאס מאל שוין אליין) געפארן קיין ירושלים צו מאכן די באשטימטע „רעקארדינג" פאר דעם „קול ישראל". איפגענומען האט מען פיר לידער: איינס פון רייזין און דריי פון געבירטיק. עס איז שווער און אויך נישט ריכטיק פאר וועלכן ס׳איז קינסטלער, גרויס אדער קליין, איבער זיך אליין ארויסצוזאגן קריטיק, גוט אדער שלעכט. דערפאר וועל איך מיר

בלויז דערלויבן צו זאגן, אז לייב ראכמאן און זיינע טעכניקער זיינען זער שטארק צופרידן געווען מיט דעם רעזולטאט פון דער „רעקארדינג״.

פרייטיק, דעם 15טן נאוועמבער, 1963, א טאג נאכדעם ווי איך בין צוריק אהיימגעפארן, האט מען מיך צום ערשטן מאל געהערט אויף דעם ראדיא אין ישראל. לויט ווי מען האט מיר געשריבן, איז עס „גוט״ געווען.

צוריקגעקומען קיין תל־אביב בין איך ארום זעקס אזייגער אין אוונט. און היות ווי איך האב געהאט א צוויי שעה צייט צום קאנצערט, האב איך מיך אוועקגעזעצט ביי א קאפע אויף דיזענגאף פלאץ עפעס איבערכאפן. ווען די קעלנערין איז געגאנגען ברענגען מיין באשטעלונג, האב איך, ווי דער שטייגער איז, גענומען זיך אביסל ארומקוקן. אזוי האב איך דערזעען ביי א טישל נאנט צו מיינס דעם סאציאליסטיש־ציוניסטישן מנהיג און יידישיסטישן וועטעראן זרובבל. זיין פרעכטיקער קאפ מיט דער שניייווייסער בארד האבן נאך מער באלויכטן דאס קאפע. איך האב גארנישט נאכגעטראכט און תיכף צו אים צוגעגאנגען און זיך פארגעשטעלט פאר אים. ווען איך האב אים געזאגט, אז איך בין פון לאנדאן, האט ער מיך געהייסן זיך זעצן ביי זיין טיש. ער האט זיך שטארק נאכגעפרעגט אויף דעם מצב פון יידישער קולטור אין לאנדאן; און קיין פריילעכן גרוס האב איך אים—לײַדער! — נישט געקאנט איבערגעבן.

איך האב אים דערציילט, אז דעם שבת פאר מיין אפפליען קיין ישראל, האב איך ביי די „ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס״, אנגעפירט פון אונזער א. נ. שטענצל, פארגעלייענט אויסצוגן פון זיין סעריע ארטיקלען „אין ראטן־פארבאנד נאך פינף און פערציק יאר״. פון דעם האט ער, פארשטענדלעך, א גרויסע הנאה געהאט, און ער האט מיך געפרעגט צי איך בין א „שפילער״. איך האב פארשטאנען, אז ער מיינט „אקטיאר״ און אים געענטפערט „יא״. איז דאס געשפרעך אריבערגעגאנגען צו יידיש־טעאטער.

קיין גרויסע באוואונדערונג פאר יידיש־טעאטער האט זרובבל נישט ארויסגעוויזן. ער האט זער שטארק — און מיט רעכט — קריטיקירט דאס מאטעריאל, וואס ווערט נאך גענוצט אין יידישן טעאטער אין ישראל. אבער מיט דער גרעסטער באגייסטערונג האט ער גערעדט וועגן יוסף בולאוו. ווען בולאוו קומט, האט ער געזאגט, איז א נחת צו גיין אין טעאטער אריין. אזוי האבן מיר פארברענגט בערך צוואנציק מינוט, און דאן האט ער געמוזט אוועקגיין און מיך איבערגעלאזט א דערהויבענעם מיט דעם געפיל, אז בלויז צוליב דער באגעגעניש האט זיך שוין געלוינט די רייזע.

ביים „היכל התרבות״ האב אויף מיר געווארט מיין ברודערס שוועגערין. און זי האט טאקע געהאט פאר מיר א בילעט צום קאנצערט, וואס אין דעם אוונט איז געגעבן געווארן פון פילהארמאנישן ארקעסטער פון ישראל אונטער דער לייטונג פון סערגיו טשעליבידאטשע, און דער סאליסט איז געווען דער וועלט־בארימטער פידלער און איבערגעגעבענער פריינט פון ישראל צינא פראנטשעסקאטי, וועלכער האט באקומען דעם הגנה־מעדאל און איז א גרויסער ליבלינג ביים ישראלדיקן קאנצערט־עולם.

ווען מיר זיינען אריינגעגאנגען איז דער „פויעיי״ פון דעם פרעכטיק־



שיינעם בנין שוין אנגעפילט געווען מיט א זער עלעגאנט־געקליידט פובליקום. פון אלע זייטן האט מען נאר געהערט ריידן „דייטש״.

דער זאל, וואס נעמט אריין בערך צוויי טויזנט פינף הונדערט מענטשן, איז געווען געפאקט. עס איז קיין ליידיקער זיצפלאץ נישט פארבליבן. זעלטן ווען נאך האב איך דערפילט אזא מין „עלעקטריזירנדיקע״ שטימונג, וואס האט אזוי מיטגעריסן און דערוועקט א געפיל פון שפאנונג און דערווארטונג. דאס געפיל איז אין פארלויף פון דעם אוונט פארווירקלעכט געווארן. ווען דער סאליסט האט פארענדיקט זיין שפילן, זיינען הונדערטער מענטשן צוגעלאפן צום פאדיום און פשוט באלאגערט אים מיט בראוואָ־געשרייען און אפלאדיסמענטן. דאס זיינען נישט געווען קיין ווילדע הועיות, וואס מען זעט ביי אן אויפטריט פון אונזערע „ביטעלס״ (להבדיל!), נאר א ספאנטאנער זשעסט, אן אויסדרוק פון באגייסטערונג און ליבשאפט פאר דעם קינסטלער. אן אמתדיקע, דערהויבענע, פייערלעך־יום־טובדיקע שטימונג האט דעם גאנצן זאל ארומגענומען.

נאך איין אינצידענט וויל איך דערציילן, וואס איז געשען אויף דעם וועג אהיים. מיר זיינען געפארן מיט א שרות־טאקסי. אינטערוועגס, שוין ארויס פון דער שטאט, האט זיך פלוצלינג די טאקסי אפגעשטעלט. דער שאפער איז ארויס, די פאסאזשירן געלאזט זיצן, און האט אנגעהויבן נאכיאגן א קאטשקעלע, וואס איז זיך ארומגעלאפן אינמיטן שאסיי. הינטער אונז האט זיך נאך א טאקסי אפגעשטעלט. פון דער איז אויך דער שאפער ארויס און האט צו געהאלפן אונזערן יאגן דאס קאטשקעלע אזוי לאנג ביז זיי האבן עס געכאפט. איז דאך „שנים אוחזין בטלית״! נאר אזוי ווי ס׳איז קיין שום ספק נישט געווען, אז אונזערער האט דער ערשטער דערזעען דאס קאטשקעלע, איז—עס געבליבן זיינס. ער האט עס אריינגעלייגט צווישן דעם באגאזש און היידא — וויטערגעפארן.

א יידיש קאטשקעלע, צוויי יידישע שאפערס א יודישער דין א יידישע מדינה — האט זיך דאס אלעס אויסגעלאזט צום גוטן.

א גליקלעכער „העפי ענד״ צו א מזלדיקן טאג.

אין גליל

א רייזע דורך דעם גליל האט געפירט איבער מגידו (דאס זעלבע מגידו, דורך וועלכן דער היינטיקער פאפסט איז געקומען קיין ישראל), נצרת, טבריה, אונטן ביי די חמי־טבריה, שטייט דאס קבר פון ר׳מאיר־בעל־הנס. דא איז פאר מיר געשען א קאמישער אינצידענט.

אזוי ווי מיין באגלייטער און איך זיינען אריינגעקומען אין דעם אוהל האט דער שמש נישט לאנג געטראכט, נישט געפרעגט ביי קיינעם קיין שאלות, אנגעצונדן א ליכטל, ארויפגעלייגט די האנט אויף מיין קאפ און אפגעקנאקט א מי שבירך וואס איז זיכער דערגאנגען ביז צום כסא־הכבוד.

אין ראש־פינה זיינען מיר אריין אין א קאפע עפעס עסן. דער אייגנטימער האט אונז דערציילט וועגן א פאל, וואס איז דארט געשען. מיט עטלעכע טעג

פריער האבן דריי אראבער זיך אריבערגעגנבעט איבער דער גרענעץ און א ייִנגל פון צוועלף יאר האט איינעם פון זיי דערשאסן אויף טויט.

אויך אין עכו האב איך געהאט אן אינטערעסאנט באגעגעניש. א יונגער־מאן, וואס האט אונז ארומגעפירט איבער דעם פריערדיקן געפענקעניש, וואס איז היינט א מוזעאום, האט גערעדט א פיינעם, געשמאקן יידיש. מיינענדיק, אז ער איז א פליט פון אייראפע, האב איך אים געפרעגט פונוואנען ער איז. צו מיין גרעסטער דערשטוינונג האט ער געענטפערט: „איך בין א צברא. מיינע עלטערן זיינען אויך צבראס, אבער זיי קאנען ביידע קיין ווארט יידיש נישט. איך האב געלערנט יידיש פון מיינע באבע־זיידע און פון ביכער. ביי מיר, האט ער ווייטער גערעדט, איז יידיש נישט ווייניקער וויכטיק ווי ענגליש אדער פראנצויזיש“.

ווער זאגט עס, אז יידישע האלט ביי גסיסה?

און אזוי האט זיך פארענדיקט א צוויי־טאגיקער שפאציר אין גליל.

## מיר זיצן ביים זאמד - בארג צופוסנס

ווארשעווער געטא, העלענא ירין

מיר זיצן ביים זאמד־בארג צופוסנס
און טרינקען לחיים מיטן טויט;
מיר לאכן פון פעלקערס גרויסן יחוס
און ארבעטן אויך אין חול־המועד.

די נאנטע האבן מיר שוין פארלוירן,
מיר דריקן די בילדער צו דער ברוסט;
מיר לעבן ווי אויפסניי געבוירן,
אזוי ווי ס׳קען א לאגעריסט.

מיר טרינקען מיטן טויט לחיים
און בייסן צו פארשימלט ברויט;
מיר ציילן ספירה צום באפרייען
ביים טויער פון פארמאכטן פלויט.

בעת א באזוך אין דעם קיבוץ נצר סירני האב איך געזען א בוך אויפן טיש, געזאמלט פון מלך נייטשטאט. דאס גאנצע בוך איז געווען אויף עברית, אבער איין ליד אויף יידיש האב איך דאך געפונען. איך האב עס תיכף איבער־געשריבן כדי עס מיטצונעמען פאר אונז לזכרון אין לאנדאן.

### אין נגב

מען מוז אליין זען מיט די אייגענע אויגן וואס עס איז געשאפן געווארן אין נגב כדי צו קאנען משיג זיין און אפשאצן דעם דראנג און אימפעט פון אויפבוי און פראגרעס, וואס קומט פאר אין גאנצן לאנד. שוין אין באר־שבע זעט מען דעם געוואלדיקן קאנטראסט פון דאס אלטע און דאס ניי־געבוירענע.



אין דעם נייעם באר־שבע איז פארהאן, צווישן אסך אנדערע, איין בלאק אפאר־טאמענטן, וואס איז א פערטל קילאמעטער די לענג. פון מדבר־זאמד וואקסן פאלמענבוימער און געפלעגטע גערטנער. איינס בין איך איבערצייגט, אברהם אבינו וואלט זיכער זיין שטעטל נישט דערקענט.

עס איז שוין אזויפיל געשריבן און געזאגט געווארן וועגן דעם נגב, און איך מיין ספעציעל וועגן דעם נגב, זאל איך אים מיט מיין נעבעכדיקייט איצט באוואסערן? . . . מיין צוגאב וועט ווייניק וואס קאנען פארשענערן די קאלא־סאלע רעזולטאטן, וואס זיינען דארט דערגרייכט געווארן.

שטעלט אייך פאר, איר פארט עטלעכע שעה און זעט גארנישט נאר בארג און זאמד. און אט פארט איר אריבער א שפיץ־בערגעלע און עס וואקסט אויס פאר אייערע אויגן א מיראזש. דער מיראזש איז אבער אווירקלעכקייט. שטעט ווי דימונה און מצפה רמון, דאס זיינען נישט קיין מיראזשן, נאר פרעכטיקע, מאדערנע שטעט, וואס שטייען אינמיטן מדבר.

אונטער דעם קילן שאטן פון א פאלמענבוים האבן מיר געמאכט א פיקניק; אינמיטן פון נגב א פיקניק!

איין אינצידענט מוז איך דא דערמאנען. פארנדיק קיין סדום, האט ביי אונז געפלאצט א ראד פון דעם אויטא. מיר האבן דאס ראד איבערגעביטן און ווייטער געפארן. אויף דעם וועג צוריק זיינען מיר געפארן קיין דימונה כדי צו פארריכטן דאס געפלאצטע ראד. עס האט נישט לאנג געדויערט און מיר האבן געפונען א גאראזש. עס איז געווען שוין שפעט נאכמיטאג, שוין נאך די שולע־צייט. ביים איינגאנג פון גאראזש איז געשטאנען א צוועלף־יאריק ייִנגל, וועלכער האט דעם אייגנטימער כלומרשט צוגעהאלפן צו דער פרנסה. עס איז פשוט געווען א נחת צו זען ווי מיט א זיכערקייט און זעלבסט־שטענדיקייט האס דאזיקע ייִנגעלע האט ביי אונז צוגענומען דאס ראד, ארויסגענומען דעם אינערלעכן באנד, ארומגעוואשן דאס ארט, וואו מען האט באדארפט פאר־קלעבן; און ווען מען לאזט אים, וואלט ער גאנץ זיכער דאס פארריכטן גופא אויך אדורכגעפירט.

צוויי טעג שפעטער בין איך אהיימגעפלויגן, און אזוי איז אוועקגעפלויגן מיין זיסער חלום, פון וועלכן דער טעם ליגט נאך יעצט אין מויל. די אלע פראבלעמען און שוועריקייטן וועגן אונזערע „ראסן“ און „שפראכן“ האבן זיך אין ישראל זייער נאטירלעכן גאנג. מען זעט „געמישטע פארלעך“, אויף שריט און טריט הערט מען ריידן א זאפטיקן יידיש און ס׳איז — עם ישראל חי!

## יהושע שינדלער ע.ה.

מיר דריקן אויס טיף מיטלייד צו דער פרוי און די צוויי זין איבערן פלוצלינגן טויט פונם זייער מאן און פאטער, יהושע שינדלער ע.ה. דער נפטר איז אלע זיינע יארן געווען אנגעזעענער ארבעטער־און קולטור־טוער. חבל על דאבדין.

## לייזער בעטל ע.ה.

צום פלוצלינגען טויט פון פריינט לייזער בעטל ע.ה. דריקן מיר אויס אונ־זער טיפן מיטלייד צו דער אלמנה און צוויי קינדער.

„פריינט פון יידיש לשון“

## משה בעקערמאן

# יאסעלע

מיט אן ערך א יאר נאך זיין פאטערס טויט, האט יאסעלע זיך ווידער געפונען אין דעם זעלבן יידישן שפיטאל. נאר דאס מאל איז ער נישט געקומען עמיצן מבקר חולה זיין . . . אדאנק זיינע פעטערס און דעם אלטן זיידן פון טאטנס צד, איינער פון דער חברה־קדישא, האט מען יאסעלען, נאך אסך שתדלנות, אריינגענומען אין שפיטאל אריין אלס פאציענט.

לכתחילה האט דער פעטער פנחס, ביי וועמען ער איז פארבליבן נאכן טאטנס טויט, אים גענומען לערנען א מלאכה — שוסטעריי. דעם אמת געזאגט, איז אט די מלאכה יאסעלען נישט געווען צום הארצן. ער האט זיך געפילט אסך בעסער ווען ער פלעגט אריינקומען אין דער האלטער־פאבריק, וואו דער פעטער חיים האט געארבעט. דארטן פלעגט יאסעלע באוואונדערן די פארשידענע האלטערס אין זייערע פארמען און קאלירן: גלייכע, בייכיקע און אזעלכע, וואס זענען דיק ביי דער שרייב־פעדער און ענדיקן זיך מיט א שפילקע־שפיץ. דער פעטער חיים, אין דעם גרויסן כאלאט וואס איז תמיד באשאטן פון קאפ ביז צו די פיס מיט א דינעם שטויב פון דער טאקער־מאשין, פלעגט אים ארומפירן פון איין צימער אין צווייטן און ווייזן וויאזוי מען פארפערטיקט דעם האלטער, צוגרייטנדיק אים פאר דער שרייב־פען. דערפאר טאקע האט אים די מלאכה מער אינטערעסירט ווי שוסטעריי. אויך איז עס אים געווען היימישער ביים פעטער חיים אין שטוב, וואו די מומע זלאטע האט שטענדיק געהאט פאר אים א פריינטלעך ווארט און א דאר קיכל מיט א גלאז טיי. אויף די ווענט דארט זענען געהאנגען פארטרעטן פון אלע אייראפעאישע קיסרים מיטן רוסישן קיסר אין דער מיט און, להבדיל, פארטרעטן פון רבנים און תלמידי־חכמים. ביים פעטער חיים האט יאסעלע זיך צום ערשטן מאל דערוואוסט, אז אחוץ דעם רוסישן קיסר איז אויך דא אן איטאליענישער, א שפאנישער, א שוועדישער און נאך און נאך אין אנדערע, ווייטע לענדער.

אפילו ביים דריטן פעטער, דעם ארימסטן פון אלע, האט יאסעלע געפונען זאכן, וואס האבן אים אינטערעסירט. דארטן זענען געווען עפעס אזעלכע מאדנע יידישע ביכלעך. איינס איז געווען דורכאויס מיט ציפערן און „אריפמעטישע זאדאטשעס" . . . דער פעטער שלמה האט תמיד ליב געהאט זיך אויסצופיינען מיט זיין „אריפמעטישער" קענטעניש ! א צווייט ביכל האט באשריבן ווי די ערד באוועגט זיך, די לבנה, די זון און די זיבן „אנדערע וועלטן", אנגעהויבן מיטן מערקורי ביזן נעפטון און אסך אנדערע קאמעטן אן א צאל. ווי צוגעשמידט פלעגט יאסעלע זיך פילן צו אט די ביכלעך, וואס דער איינדרוק זייערער איז אים שוין פארבליבן אויף די שפעטערע יארן פון זיין לעבן.

אבער נישט דער פעטער חיים, נישט דער פעטער שלמה האט אים געקענט העלפן מאטעריעל. איז ער שוין טאקע פארבליבן ביים פעטער פנחס און זיך גענומען לערנען שוסטעריי . . .

דער פעטער פנחס האט אויך אבטונג געגעבן, אז יאסעלע זאל, חלילה, נישט פארפעלן צו גיין אין שול אריין און זאגן קדיש. דריי מאל א טאג.



נאר בין מנחה למעריב פלעגט יאסעלע שוין פארבלייבן אין שול און זיך זעצן לעבן דעם אלטן ר׳ יצחק דעם תהלים־זאגער, וועלכער איז, נעבעך, געווען אויסגעדארט און אפגעריסן. האט געטראגן א טוכן היטל, מיט א שמאלן דאשיק און מיט א גרויסן, פעטן פלעק אין דער מיטן. תמיד איז ער געזעסן אויפן זעלבן ארט מיטן זעלבן ספר־תהלים אויפן שטענדער, מישנדיק כסדר די בלעטער. אמאל, ווען דער תהלים איז נאך געווען ניי, האט ער געמוזט זיין אסך דינער. נאר איצט נאך אזויפיל יארן איז ער ווי געשוואלן געווארן. די אלטע, געלע בלעטער און די שווארצע, צעקנייטשטע עקן זייערע האבן זיך געהאלטן פון דער ווייטנס. ווען נישט דער רוקן, וואס האט נישט פארלוירן דעם מוט און געהאלטן די בלעטער מיט די לעצטע כחות, וואלט דער ספר תהלים שוין לאנג געלעגן צווישן בארג שימות, וועלכע וואלגערן זיך ארום אין פאליש אין די קאסטענעס.

ר׳ יצחק דער תהלים־זאגער איז געווען אזוי פארטון אין מישן כסדר די בלעטער און אין אנהויבן אויפסניי, אז ער האט קיינמאל קיין ווארט נישט אויסגערעדט צו יאסעלען. אפשר האט ער אים אפילו נישט באמערקט לעבן זיך. די אויסערלעכע וועלט האט פאר אים ממש נישט עקזיסטירט, פונקט ווי ער וואלט אראפגעשיקט געווארן אויף דער וועלט בלויז פאר דעם איינעם צוועק צו זאגן תהלים ביז מען וועט זיך אין אים דערמאנען . . .

— — — — — — — — — —

אין אייניקע חדשים ארום האט דער פעטער פנחס, גלאט אזוי אין דער וועלט אריין, געזאגט יאסעלען, אז ער איז שוין, ברוך השם, געווארן א בר־מצווה בחור און ער דארף דעריבער אנהויבן לייגן תפילין !

ניין, יאסעלע האט קיין באזונדערע אנטציקונג נישט געפילט אין דעם טאג, ווען ער האט דאס ערשטע מאל אנגעטון די תפילין. עס איז געווען פונקט אזא וואכעדיקער טאג ווי אלע אנדערע טעג פון דער וואך, און די תפילין זענען אויך נישט געווען קיין נייע, קיין גלאנציקע. עס זענען געווען אלטע תפילין, מיט אפגעריבענע שיידלעך, א ירושה נאכן טאטן . . .

קיין גרויסן חילוק האט דאס לגמרי נישט געמאכט, ווייל גאר נישט לאנג נאכן אנהויבן לייגן תפילין האט יאסעלע אנגעהויבן צו קרענקען.

וואס אן אמת, האט די קרענק זיך אנגעהויבן פון א קלייניקייט: ער איז אויפגעשטאנען אין א פרימארגן און נישט געקענט אויסגלייכן דעם קאפ. איין זייט פון האלז איז ווי איינגעשרומפן געווארן און א הארטע גוליע — א געשווילעכטס — האט זיך באוויזן. יאסעלע האט נישט געוואוסט וואס מיט זיך צו טון: זאל ער עס דערציילן דעם פעטער פנחס אדער זאל ער שווייגן און ווארטן ? וואס וועט דער פנחס זאגן דערצו ? וועט ער אים אהיימשיקן צו דער מאמען דער אלמנה, וועלכע קען זיך סאי־ווי קיין עצה נישט געבן מיט די צוויי קליינע קינדער ? בלויז דער געדאנק אליין האט אים שוין געשראקן. ווי וועט ער דאס קענען פארטראגן דארט אין שטעטל דאס ארומפארען זיך פון דער ווייבער־משפחה, וואס וועלן קומען צו לויפן אנקוקן דעם יתום און שאקלען מיט די קעפ, ווישנדיק זיך די אויגן מיט די שפיץ־פארטוכער ?

איבערהויפּט האָט ער נישט געקענט פאַרלײדן די מומע ברײנע, פון דער מאַמעס צד, וואָס כאָטש זי איז נישט קיין פּראָפעסיאָנעלע קלאָגערין, האָט זי אָבער קיינמאָל נישט פאַרפעלט קיין אײנציקע טרויעריקע פּאַסירונג. טאָמער איז זי אַמאָל געקומען אויף אַ שמחה, האָט זי אויך דאָרט פאַרגאָסן טייכן טרערן . . .

דאָ אָבער אין דער פרעמדער שטאָט האָט מען בלויז געוואוסט, אַז ער איז אַ יתום און אַזוי איז ער שוין פאַרלוירן געגאַנגען צווישן אַלע אַנדערע היגע יתומים, גייענדיק קדיש זאָגן אין שול אָדער אין אַלטן בית־המדרש.

נאָר ווען יאָסעלע האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן נידריקן דריי־פיסיקן שוסטער־בענקעלע ביים וואַרשטאַט, האָט דער פעטער גלייך באַמערקט ווי ער האַלט דעם קאָפּ אַנגעבויגן אויף אַ זייט און האָט אים תיכף־ומיד אַוועקגעפירט צום שטאָטישן ראַזירער־פעלדשער.

מיינען האָט מען געמיינט, אַז אין משך פון עטלעכע טעג וועט עס דעם פעלדשער געלינגען יאָסעלען אויסצוגלייכן דעם קאָפּ, אַזוי, אַז ער וועט קענען ווידער זיך פאַרנעמען מיט דער שוסטעריי און ברענגען וואַסער פונם טייך. ווען אָבער ס'זענען פאַרבייגעגאַנגען עטלעכע וואָכן און די געלע מאַשטש, די יאָדינע און די קאַטאַפּלאַזמע האָבן גאָרנישט געהאָלפן, האָט דער פעלדשער געזאָגט, אַז מען וועט דאַרפן שניידן . . . אַזוי אַרום האָט מען עס באַשלאָסן יאָסעלען אַריינצוגעבן אין שפּיטאָל אַריין אויף אַן אָפּעראַציע.

אָט די נייעס האָט אויף יאָסעלען געמאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק, ס'איז אים ממש לייכטער געוואָרן אויפן האַרץ. איצט האָט ער געזען פאַר זיך אַ נייע האָפנונג וויאַזוי פטור צו ווערן פון דעם שוסטער־וואַרשטאַט. נישט איינמאָל איז עס אים דאָך אויסגעקומען אָפּצוזיצן ביים וואַרשטאַט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין און קלאַפּן הילצערנע פלעקלעך אין די זוילן און שטיפטן אין די אָבצאַסן אַריין אָדער וועקסעווען דראַטוועס פאַר די גענייטע זוילן, און דערנאָך ערשט האָט ער געדאַרפט אויפקלייבן די שטיפטן, וואָס זענען אַוועקגעשפּרונגען פון אונטער דעם האַמערל אויף דער פּאָדלאָגע אַראָפּ. דערצו איז דער קאָפּטשעדיקער לאָמפּ אויפן וואַרשטאַט נישט געווען קיין גאָר גרויסע הילף צו אַזאַ נודנער אַרבעט.

## א. נ. שטענצל

### מיין ערשט ליד (המשך)

2

אַ זאַק מיט פּענצאַק, אַ זעקל מעל, טאָרבעס מיט אַרבעס, מיט צוקער־באָבעס זענען טאַקע געלעגן אין קעלערל אין קיך אונטערן טיש; אין שטעלעכל פאַר דער קיך־טיר האָט געבעטשעט די קאָזע אויפן שטריק, און אייער אַריינצוקלאַפּן אין די צעריבענע קאַרטאָפל און אַ הענדל אויף שבת האָבן געליווערט די צוויי קוואָקעס אין שטייג — אויף חיונה איבערן זומער איז ברוך השם דאָ! און אַ מזומנער גילדן אין טאַש אויף קלייניקייטן, וואָס זענען נאָך נויטיק אין שטוב איז געווען; איז דאָך דער טאַטע געזעסן אין סקלאַד ביים „יערות



דבש“ און אויסגעקאַפּעט פון אַ וואָגן קוילן, וואָס האָט געסטאָיעט אויף אַ גאַנצן חודש — ווער ברויך דאָ אין די „גובערניע“־געסלעך קוילן? ס'איז דאָך זומער! אויף אַ יושקע אָפּצוקאָכן סטאָיעט אַן אויסגעבראָכן ברעט פון אַ פּלויט, אַפּאָר צונויפגעקליבענע שפּענדלעך, אַביסל מיסט פון אַ בהמה אויפן פעלד, פון אַ דורכרייטנדיק פערד מיט אַ סאָלדאַט. מ'לעבט ווי די ווערעם אין כריין, ווי די ראָטן אין די לעבער . . . וועמען גייט אָן די מלחמה, וואָס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אויף אַ גרויסן אופן דאָרטן הינטער וואַרשע, און ס'גיסט זיך מענטשלעך בלוט ווי וואַסער? ווער האָט אין קאָפּ צו איר, אַז מ'איז אַליין אויף גרויסענע צרות? זי ליגט אין דער לינקער פּאה . . .

ס'איז נאָך פּסח, ס'איז זומער, איז ווער ברויך די שטיבלעך מיט די שמוציקע הייף, מיט די סאָלדאַטן אין די רייען? . . . ווער קאָן איינזיצן ביי דוד ריכטער אין דער נאַקעטער, אָרעמער שטוב, וואָס איז פול מיט געשטאַנק פון נאַפטמאַשינדל אונטער דעם בלעכענעם געשטעל פונם בראַנפן־געברוי: „קאַפּ־קאַפּ, קאַפּ־קאַפּ“ אין די פלאַשן אַריין, אַזש דער קאָפּ ווערט פאַרטשאַדעט, אַז דרויסן די גרינע, זוניקע לאָנקע מיט דער צעשפּילטער, פינקלדיק־שלענגלדיקער וואַרטע, די פעלדער אויפן שאָסיי אַרויס, די פריש־צעאַקערטע, אַרויף צום צמענטאַזש צו, די חלוצים־פאַרם אַ צעבליטע מיט בעז און מיט עפּל־בליטן רופן מיט פייגל־געטשוויטש און מיט פערדלעך־געהירזש? די דאַמפּיקע ריחות, דער רייסנדיקער גערוך פון דער אָפענער ערד, פונם אויסגעשפּרייטן מיסט, פונם שוויס־דאַמפנדיקן פערדל, פון דער באָרוועסער, ברייט־צעווירענער שיקסע, וואָס גייט נאָך נאָכן פייקעלע־צעהויכערטן פּויערל, נאָכן אַקער־אייזן, אַ צעהיצטע, אַ צעשוויצטע, מיט דער ווידלע אין אירע געזונטע, רויטע הענט, אַ צעטאַנצטע, אַ זון־צעבליצטע — כ'פיל אַ וואַקל, אַ ציטער אין מיינע קני: די גאַנצע לאָנקע וואָלט זיך געוויקלט אַזאַ געוואַלטיק דערעלע פאַר מיינע פיס . . . ווי תאווהדיק שיין איז זי די וועלט, ווי וואונדערלעך צעוויקלט.

ווער מלחמה, וואָס מלחמה? ערגעץ דאָרט ווייט, הינטער וואַרשע, פאַר בריסקליטאָווסק, הינטער די הרי־חושך טוט זיך עפּעס. מ'פאַלט ווי די סנאָפּעס, ווי די זאַנגען אונטער דער קאָסע . . . וועוטשע האָט פולע טאַשן מיט צייטונגען. מיר זענען באַוואָפנט יעדער מיט אַ בוך אין בוזעם־טאַש מיר וועלן געפינען אַ גוט פלעצל הינטערן צמענטאַזש, וועלן מיר זיך אַנידערזעצן לייענען, באַשמועסן. דערווייל גייען מיר און מיר ריידן — מיר האָבן אַזויפיל צו ריידן! אַז אַ קליין ביכעלע פון פיליפּ קראַנץ קאָן אָנמאַכן אַ גאַנצע מהפיכה אין אַלע עולמים, אין אַלע זיבן הימלען, אַז די וועלט פאַלט איין, אַז דער קאָפּ דרייט זיך — „תולה ארץ על בלימה“! . . .

כ'האָב דערשמעקט די נאַטור, די ערד, די זון, דעם הימל, דאָס וואַסער — מיין אייגענעם קערפּער! אַראָפּקומענדיק פון באַרג, אַ שאַרפע בויגונג, פאַר די פיס אין שפּרודל קאָן מען יעדעס שטיינדל ציילן — פּליוך, וועוטשע שווימט שוין! איך דערזע מיין נאַקעט לייב געבויגן איבער די כוואַליעס, צעשוואומען אינם שפּרודל — בלייב אַ רגע שטיין ביים ברעג אַן אויפגעציטערטער! אַ גערונצל גייט מיר איבער דער הויט: איז עס די שרעק פאַר מיין לייב? . . .

איז עס ווייל ס׳איז נאך פאר ל״ג־בעומר? . . . וועווטשע שווימט שוין, איך וויל נישט אפשטיין . . . מיט פארמאכטע אויגן, מיטן קאפ פאראויס, מיט איין שפרונג און די זון צעשפריצט מיט טויזנט פונקען — צעשפרונגט ווי א צעפלאצטע שויב.

ווי צוויי אפגעצוואגענע הינט, אפשאקלענדיק פון זיך די פינקלדיקע וואסער־טראפנס, יאגן מיר זיך שפעטער אין דער זון איינער נאכן צווייטן; מיר פארסקען, מיר שטויסן ארויס פון זיך נישט פארשטאנענע קולות, אזעלכע חיהשע געשרייען איינער דעם אנדערן צו דעריאגן, צו כאפן; מיר גליטשן זיך קונציק ארויס איינער פון אנדערנס ארעמס, מיר פאלן איינער איבערן אנדערנס אויפגעשטעלטע קני, מיר מאכן „קאטשקעס“ איבערן וואסער, מיר צילעווען וואס ווייטער, מיר ווילן מאכן וואס מערער.

וואווטשע איז שוין ווידער אין וואסער! איך, שטיין בלייבנדיק א רגע ביים ברעג, דערזע ווידער מיין נאקעט לייב און קריג א ווילדע שרעק דערפאר . . . כ׳דריי מיך שנעל אויס און כאפ מיין פעקל זאכן און אנטלויף צווישן די ביימער אויף יענער זייט בערגל . . . כ׳הער וואווטשעס געשרייען, זיין רופן. כ׳האלט איין דעם אטעם, ער זאל מיך נישט דערהערן . . . דאס כאלאטל, דאס היטל טו איך שוין אן אויף דער אנדערער זייט פונם ביימער־וועלדל . . . כ׳הער נאך זיין רופן . . . כ׳בין שנעל געלאפן צו דער שטאט צו, ווי שקצים וואלטן מיך געיאגט! כ׳האב געוואלט אנטרינען, אנטלויפן, מורא געהאט דאס קול זאל מיך נישט דעריאגן . . . וועווטשעס לאשטעסדיקע קול . . .

א צעיאכמעטער, א צעהיצטער בין איך הינטן ארום אריין אין הויף, אין שטעלעכל פאר דער טיר שטיין געבליבן. די קוואקעס אין שטייג האבן דערשראקן אויפגעקוואקעט, די קאזע האט מיך אנגעקוקט ווי עפעס א ווילדע זאך — איך בין געקומען צו מיר און שנעל אריין אין קיך.

עס איז עפעס צו שטיל! צימעלע שטייט אויסגעדרייט צום אויוון און מאכט זיך פארען. אסתר ליגט מיטן קאפ אין קישן, און כ׳זע ווי ער ווארפט זיך. פארן פענסטער דרויסן אין סקלאד הער איך דעם טאטן איינטענהן צו דער מאמען:

„קיין יידישע קוילסטערס זענען נישטא . . . איז ווילאנג איז דער שיעור? ביז זי וועט פארזיצן אין ווייסן צאפ? דער מחותן געפעלט מיר, דער בחור א יודע ספר . . . א היינט־וועלטיקער! וואס נאך וויל זי? אז מ׳וועט לאנג ווארטן, וועט דאס אויך נישט זיין! דעם גרויסן נדן וואס מיר קאנען סילוקן“ . . .

די מאמע איז אפנים געווען איינגאנצן מוטלאז. מ׳האט אפילו אירס א זיפץ נישט געהערט. וואס האט זי געהאט צו ענטפערן? האלטעק, האלטעק, שטיי אויף פון קבר און זע וואס פון דיין טאכטער איז געווארן . . . כ׳בין צוגעגאנגען צום פענסטער און געזען דער מאמעס מרה־שחורהדיקן, גרין־ברענענדיקן בליק און ווי זי קנייפט מיט צוויי פינגער די אויבערשטע ליפ. כ׳האב מיך ווי אן אפגעבריטער שנעל אויסגעדרייט. אסתרס קאפ האט נאך אלץ געציטערט אין קישן און צימעלעס רוקן איז געווען טרויעריק. איך האב צו איר גערעדט און זי האט מיר נישט געענטפערט. פון בעט האט זיך געהערט א שטיל וויינען.



אסתרס וויינען איז געווען ווי א וואיען פון א קליין הינטל, וואס מ׳האט אים א מיאוסן טריט געטון.

„אסתר, אסתר“, האב איך פון אויוון צו איר צוגערופן. „אסתר!“

„וואס אסתרסט דו מיך?“ האט זיך ווילד א קאפ א כאפ־אויף געטון, ווי אפגעריסן זיך פונם נישט־באוועגלעכן גוף, וואס האט זיך ווי טיפער נאך פארגראבן אינם בעט — א פרעמדער קאפ! די האר אין א קאקס פארקניפט, צעלאזן, צעפאטלט; דאס פנים, א רויטס, א פארקראמפטס, איינגאנצן באוואשן מיט טרערן; פון די רויט־געלאמעוועטע אויגן שפריצן פונקען: „וואס ווילן זיי פון מיר?! וואס ווילן זיי פון א ווילד־פרעמדן יונגנמאן? איך בין קראנק . . . זעסט?!“ : : : זיך אויפרייסנדיק די בלוזקע, האבן זיך אירע אויגן פארמאכט און דער קאפ איז צוריק אראפגעפאלן אין קישן ווי אן אפגעהאקטער מיט אן אפגעהאקט געשריי . . .

צימעלע, אויסגעדרייט צום אויוון, האט זיך שטיל צעוויינט און אראפגעלאפן אין שטוב אראפ. זי האט דאס שוין געוואוסט. זי שלאפט דאך צוזאם מיט איר אין איין בעט . . . אבער וועמען דאס דערציילן, דער מאמען, דעם טאטן? וואס קאנען זיי העלפן, און וואס קאן אדאקטאר העלפן? נישט מער ווי עס זאל זיך ארומטראגן אין הויף: „נעבעך, די אלט־פארזעסענע קראנקע מויד“ . . . און אחוץ דעם האט זי אסתר באשוואוירן.

עס איז געווען טויט־שטיל אין דער קיך. אסתר איז געלעגן מיטן פנים אין קישן, קיין ריר, קיין פיפס. פאר מיינע אויגן איז נאך אלץ געשטאנען, דער צעפאטלטער קאפ־האר, דאס נאס־פארוואשענע פנים, די רויט־געלאמעוועטע, טריפנדיקע אויגן און אונטער אים צוויי טיפע אפענע, אייטערדיקע וואונדן — די גריבלעך פון די אקסל־ביינער! די פלייצנדיקע טרערן האבן געפלייצט אויף די אפענע אייטערדיקע מכות — כ׳בין שטיין געבליבן צום צייכן! כ׳האב געוואלט אויפשרייען פון ווייטאק, — געשפירט די זאלציקע טרערן אויף די אפענע וואונדן! —

שטיל האב איך מיך צוגעשארט צום בעט, נישט גערעדט, נאר ווי א צעווייטער הונט, וואס לעקט ביים אנדערן די וואונדן וואיענדיק:

„הער, כ׳זאג דיר, קאנסט מיר גלויבן, איך ווייס עס זיכער: שמש צדקה ומרפא בכנפיה. דו ווייסט גארנישט וואס די זון קאן אויפטון . . . כ׳האב ערשט נעכטן געליענט: די שטראלן . . . דו מיינסט איך וואלט אויסגעהאלטן? נאר זייט כ׳לויף ארום אויף דער זון, כ׳באד מיך אין וואסער“ . . .

כ׳הער א העשע פון קישן ארויס, ס׳איז ווי אן ענטפער, ווי א בייזער ענטפער: מיינסט כ׳ווייס נישט ווי דו לויפסט ארום מיט דיינע נייע חברים . . . דער טאטע האט שוין אפאר מאל געפרעגט וואו דו ביסט . . . מיינסט כ׳ווייס נישט? . . . מיטן שווערדעווער שוחטס בן־זקונימל . . . דאס העשען חזרט זיך נאכאמאל איבער, אז איך „הער“ אן ענטפער. טראכט איך מיר איז דאך גוט און איך הייב ווידער אן, שוין האפערדיקער;

„הער, אלע טאג וועלן מיר איינפאקן א פעקל אייערקוכן, א פלעשל קאזע־מילך. דו וועסט דיר מיטנעמען דיינס א ביכל, איך מיינס . . . איך ווייס א גוטן

פלאץ דרויסן אויפן שאסיי ארויס נאכן צמענטאזש״.

דא האט זי זיך א זעץ־אויף געגעבן אויפן בעט און מיט פונקען־שפריצנדיקע טרערן מיר געלאכט בייז, זיגעריש אין פנים אריין און זיך שוין מיט היכטיקע ווערטער צעשריגן, ווי עפעס א ווילדע זאך: „יא, אויפן צענטאזש, פיר מיך אויפן צמענטאזש״. איך האב מיך צו איר צוגעזעצט, זי ארומגענומען מיט ביידע הענט: „הער, אסתר, ווילסטו א סוף מאכן פון אונזער לעבן, מאך . . . א רחמנות איז נאר אויף צימעלען״.

מיט די לעצטע ווערטער האב איך מסתם אנגערירט נאך א טיפערע וואונד, ווי די צוויי וואונדן אין די אקסל־גריבעלעך: נאך יאנקלס חתונה האט זי זיך שוין אינגאנצן מיאש געווען . . . אבער צימעלען נאך אריינשלעפן? זי איז געזונט, שיך, גרויס: „זאג, וואס ווילסטו?״

„איך וויל״, האב איך מיך שטיל געבעטן ביי איר, „טו דעם טאטן נישט אן קיין צער״.

„און דו, וואס מיינסטו טוסט דו?״ דער קראמף אינם פנים האט אויפגעהערט, אינם קול איז נישט מער געווען קיין בייזקייט, נאר די איבערהאנט פון א מוסר־זאגער. איך בין אויף איר ארויפגעפאלן און מיך צעוויינט און אפנים דאס האט אמיינסטן געהאלפן . . .

כ׳האב געפילט ווי זי רוקט זיך ארויס פון מיינע הענט, געהערט ווי זי וואשט זיך, טוט זיך אן, רעדט אין שטוב אראפ צו צימעלען — ווי קיינמאל גארנישט.

אסתר איז געווען א זאכלעכע, א שכל־הישרדיקע, א קלוגע, א טשענסטאכאווערין, אין טאטנס משפחה געראטן; זי וואלט זיך קיינמאל נישט אזוי באנומען אויף איר׳ס אן אומגליק. זי איז געווען א געהארטעוועטע מיט א פעסטן ווילן; איר געוויין איז געווען וואס זי שלעפט נאך אריין פרעמדע מענטשן אין איר אומגליק . . . עפעס גאר א פרעמדן יונגנמאן זיך אויסגעזוכט, א חתן, משטיינסגעזאגט, און אים אריינשלעפן אין א צרה, אין א קראנק בעט . . . מילא, צימעלע איז א שוועסטער . . .

ווען כ׳האב אויפגעעפנט די אויגן, האט צימעלע שוין געוואשן די פאדלאגע. אסתר האט מיט שלאמקרייד געפוצט די זילבערנע לייכטער.

ביינאכט איז געווען א קנס־מאל. מ׳האט געבראכן טעלער, געשריבן תנאים, מקבל־קנין געווען, הכל כתוב וחתום. ווען אסתר איז געזעסן ביים טיש און געשמועסט מיטן חתן, האט איר קלוגקייט פון די אויגן איר ארויסגעקוקט. איר פנים איז צוריק יונג געווארן, איר חכמה האט עס באשטראלט — כ׳האב געזען, אז דער יונגערמאן איז נישט מער קיין פרעמדער — א חתן.

צימעלע איז אהינגעגאנגען צו דער מומע רייזל, אזוי ווי דער פעטער ראובן אבא דער סופר איז געקומען שרייבן די תנאים, איז זי אהינגעגאנגען צו דער קראנקער מומע רייזל, אזוי האט עס געהייסן . . .

צומארגנס נאכן אנבייסן האט זיך אסתר פיין אנגעטון, טאקע ווי א כלה־מיידל. צימעלע האט איינגעפאקט אונזערע צוויי חלקים אייערקוכן און דאס פלעשל קאזע־מילך. ווען מיר זענען אדורך דורכן הויף, האט מען פון אלע



טירן איר נאכגעקוקט און געוואונטשן מזל־טוב — מיר זענען געגאנגען אויף א וויטשעטשקע לכבוד ל״ג בעומר.

אפאר מאל האב איך פון דער זייט זי אנגעקוקט: ווי אלץ איז אין איר אנדערש געווארן, דער גאנג, די שטעל, אפילו די שיפע פלייצע, וואס האט זיך לעצטנס באוויזן, איז אינגאנצן ווי פארשוואונדן, נאר די ליפן, די שמאלע, דינע ליפן — דאס איינציקע, וואס זי האט פון דער מאמען! — האלט זי אין איין פארבייסן; ניין, זי קנייפט זיי נישט ווי די מאמע, נאר זי פארבייסט זיי . . .

איך כאפ נאכאמאל א בליק! אבער דאס מאל אויפן גאלדענעם זייגערל — דאס חתימה־געלט! — ווי פארנעם עס באמבלט איבער איר איינגעפאלענער ברוסט, צווישן די צוויי אייטערדיקע וואונדן — די צוויי אקסל־גריבעלעך! איך האב זיי אזוי דייטלעך געזען, ווו זיי קוקן ארויס דורך דעם זיידענעם בלוזקעלע; קיינער האט פון זיי נישט געוואוסט, אפילו נישט די נאנטסטע, טאטע־מאמע — נאר איך און צימעלע. און נישט נאר זיי געזען, נאר געשפירט ווי זיי טון וויי, ממש געפילט, פיזיש געפילט.

ארויסקומענדיק אויפן פלאץ נאכן צמענטאזש, געפונען אן ערטל הויך באוואקסן מיט גראז, נישט ארויסצוזען. און אזוי ליגנדיק מיט די אפענע וואונדן צו דער זון, האט אסתר געלעזן איר פויליש בוך, א ווארט נישט ארויסצוריידן. אז איך בין מיד געווארן לייענענדיק מענדעלעס „ווינטש־פינגערל״, האב איך געמאכט קאזשעלקעס אין גראז, מיך ארויפגעכאפט אויף א נאנטן בוים און געקוואקעט ווי אונזערע הינער אין שטייג, געבעטשעט ווי די קאזע אויף דער שטריק.

אסתר, מיטן גלאט־פארקעמטן קאפ פון הינטן — אפנים ס׳ליגט זיך אזוי באקוועמער! — ליינט אן איבעררייס. די ליפן דין פארשפיצט, די קלוגקייט אויף איר פנים ענדערט זיך נאר כסדר; אז זי ווערט מיד, פארמאכט זי די אויגן. זי שלאפט נישט, נאר זי טראכט . . . די וויעס מיגביען זיך איר אין דער זון.

די זון, די קאזע־מילך, די פאצענעס אייערקוכן, — און נאך גוטע זאכן, וואס צימעלע האט מיר געשטופט הינטן ארום אין טאש אריין! — האבן זייערס געטון. און נאך איידער ס׳זענען געקומען די דריי וואכן איז קיין סימן שוין כמעט נישט געווען פון די צוויי אייטערדיקע וואונדן. ס׳פארבייסן ארום איר׳ע דינע ליפן איז איר דאך געבליבן, און אויב ס׳האט אויף זיי נישט געשוועבט קיין שמייכל — אבער א קלוגקייט.

און וואס האב איך נישט אלץ אדורכגעלייענט דעם זומער: שלום־עליכמס „סטעמפעניו״, „הנאהבים והנעימים״ פון דינעסאנען, מענדעלעס „קליין מענטשעלע״ און די אלע בראשורן: „כשר און טרפה״, שפינאזע און באקונין, און וואס נישט . . . און אלץ אן א סדר — עס איז געווען „א לייענען פאר מיר״! פארנאכט, ווען כ׳האב מיך געטראפן מיט דוד ריכטער, מיט וואוטשען, האבן מיר גערעדט און איבערגערעדט, געשמועסט און איבערגעשמועסט — געפלפולט. כ׳האב מיר שוין געבראכן די ציין מיט פרעמדווערטער, געפירט שוין

„דיסקוסיעס“, מיך אויפגערעגט, מיך געקריגט, ווי איבער א מהרש״א.

וואוטשען האב איך „דערציילט“ — מיר האבן נישט געהאט קיין סודות! נישט איינמאל אים מיטגעברענגט א שטיק אייערקוכן פון מיין טייל מיטגעקריגן מיטצונעמען אויפן פעלד . . .

און אין דעם טארבעלע, וואס כ׳האב מיטגענומען דעם אייערקוכן און די פלאש קאזע־מילך, האב איך אהיימגעברענגט גאנצע גארשטן פריש־זאפטיק גראז. און די קאזע, נעבעך, וואס איז געשטאנען א געבונדענע אויף דער שטריק אויף דער מאגערער מלחמה־קעסט, אינם טוכלע שטעלעכל פאר דער קיך־טיר, האט שוין דערשפירט מיט איר נערוועז־ציטערדיקער, קלוגער נאז דעם ריח פון פעלד נאך איידער מיר זענען צוגעקומען צום שטעלעכל — זי האט עס דערשמעקט מיט איר גאנץ לייב און לעבן ביים אריינקומען איז זי שוין געשטאנען אויף די הינטערשטע פיס, דעם ווערגנדיקן קאפ אין שטריק מיט די טאנצנדיקע הערנער ציטערדיק אויסגעשטרעקט, דאס קליינע ציגגל לעקט דאס פייכטע נעזל און מיט אירע קאסאקא־געקעסטלטע גרויסע אויגן געקוקט, להבדיל, ווי א מענטש —

זי האט ממש נישט געגליבט וואס אירע אויגן זעען . . . ס׳איז מסתם אזא מין חלום, א וויזיע . . . משיחס צייטן! . . . זי האט געטאנצט פון איין פוס אויפן צווייטן און געבעטשעט א מין געזאנג, א העשענדיקע תפילה . . . גרעזלעכווייז האט זי געשטשיפעט פון דער האנט ארויס דעם „מתנת בשר ודם“, ווי זי וואלט זיך נישט פארגינען, עס אויפצועסן אויף איינמאל.

נישט איינמאל פארטאגס, מיר זענען געגאנגען אין שטיבל אריין און דער טאטע האט געזען די הויט־און־ביינער אויסגעמאגערטע ציג, מיט דעם לאנגן, אראפהענגענדיקן אייטער־זאק, וואס האט עפעס גארנישט צוגעפאסט צו איר אויסגעקווארטן ארעם־בחורישן גוף — א לאנגע, לייוונטענע קעשענע, פארטאטשטע אנגעגייט אין אן אויסגעקראכענעם פעלץ, און זי קוקט ארויס פון הינטן! — געהערט איר פויל מעלה־גירהן עפעס נאך א נעכטיקע זאך צי גאר דאס ניכטערע שפייכעטס, און אנגעהערט האט עס זיך נישט ווי א קייען, נאר ווי א ריידן צו זיך מיט א טענה, מיט א קללה: אן איינפאל פון מענטשן, נעמען א שטומע חיה און אנטון א שטריק אויפן האלז! קאן מען איר נישט געבן דאס נויטיקע, זאל מען זי אפלאזן. זי וועט שוין מיט אירע שפיציקע הערנער פון אונטער דער ערד עפעס ארויסאקערן. מיט אירע לייכטע פיס א שפרינג טון, אויפן קאפ זיך שטעלן און פון א שטרוי־דאך א גרעזל מאך ארויסשטשיפען —

מען האט געמוזט זעען דעמלט דעם טאטנס פנים. ער האט זיך ארויסגעגנבעט פונם שטעלעכל נישט אנצוטרעפן זיך מיט די הונגעריק־מאנענדיקע, געקעסטלטע קאסאקע אויגן, וואס האבן געקוקט טרויעריק און באליידיקט, ממש ווי די הונגעריקע אויגן פון א בייזן, פארביסענעם מענטש.

און מען האט אים געמוזט זעען שפעטער, אהיימקומענדיק פון דאוונען, זיצנדיק ביים טיש, האלטנדיק מיט ביידע הענט דאס גלאז ווארעמע קאזע־מילך, אקארשט פון דער „מעלק“, זיך ווארעמענדיק די שטייף־צעשטרעקטע



פינגער, נאך איידער ער האט געמאכט די ברכה און גענומען דאס גלאז צום מויל —

אויב מיט א פריש־געלייגט איי, נאך א ווארעמעס, מ׳רייבט איין דעם שטערן איז עס א רפואה בדיקה צו קאפ־ווייטאק, איז דאך די ווארעמקייט פון פריש־געמאלקענער מילך, מסתם, גוט צום יסורים־מיחוש פון שוואכע הענט.

און נאך דער ברכה, דאס טרינקען איז געווען א טיף־כוונהדיק מעלה זיין יעדן זופ, יעדן שלונג: נעבעך א כשרה בהמה, א מעלה־גירה, אדם ובהמה תושיע ד׳ . . . מען זעט דאך בפירוש ווי די רייד פון די חז״ל זענען כשר גערעכט: אין זכות פון אזא שטומער בהמה לעבט דאך דער מדבר, דער מענטש...

נישט איינמאל אזוי טרינקענדיק, האט ער דערציילט מעשה מחסיד אחד שגוגת מן הלב, אדער די מעשה — מיט יענעם חולה־ריעה, מיט יענעם לונגעןקראנקן, וואס אליהו הנביא האט אים באגעגנט און געהייסן קויפן א ציג, זי צובינדן צום פוס פון בעט און טרינקען . . . אין אמתן שטייט זייגן, זייגן . . . מיט מיליאנען מזיקים, רחמנא לצלן, איז דאך פול דער אוויר! און ווי די דאקטוירים זאגן טאקע, די מיקראבן . . .

און פון דעם איז ער געקומען צום ענין פון שעיר־לעזאזל: טאקע פארוואס גראד א ציג? . . . ווייל זי איז, מסתם, דער נאנטסטער צום מענטש . . . שליחו של אדם כמותו! הערפאר די רחמנות אונזערע צו דער נאנטסטער בריאה: דריימאל שטייט אין דער תורה דער לא תבשל גדי בחלב אמו״. פארשטייסט: מאמע! זי איז דאך דער נאנטסטער פון בעל חי, צום מענטש, צום מדבר . . . און צי רעדט זי דען נישט ווי א מענטש מיט איר געבעטשע —

ער האט שוין מער נישט גערעדט. ער האט שוין דאס גלאז מילך נישט דערטרונקען און געלאזט שטיין א האלבס אויפן טיש . . .

איינמאל, שפעט אין א לבנה־נאכט, נאך א לאנגער שקלא וטריא־דיסקוסיע מיט וועוואטשען, מיט דוד ריכטער, מיך אריינגעבנדיק דורכן שטעלעכל צו דער קיך־טיר, איז די קאזע מיר אקעגנגעשפרונגען אויף די צוויי הינטערשטע פיס מיט דער לבנה אויפן פנים; ווי פון אן אנדערן עולם פון אן אנדערער וועלט, של מעלהדיק, האט זי אויסגעזעען: די שטריק אויפן האלז, די געקעסלטע, גרויס־אויפגעריסענע אויגן, פול מיט חלומות, מיט מחשבות . . . און שום שהיות האב איך זי גענומען ביי די הערנער און מיט איר ארויס אויפן הויף, אויף דער „גובערניע“. שטיל, אלע געסלעך שלאפן, די לבנה באגלייט אונז שטיל. און זי, די ציג, איר אויסגעדארט פנים, דאס אויסגעצויגענע בערדל, ממש ווי א ייד העט זי אויס, א בר־דעת. ווייסט די שליחות אין וועלכער מיר גייען אלע דריי צוזאמען, — אזוי זענען מיר אנגעקומען אויף דער נאנטער לאנקע.

הערזעענדיק די פרייע וועלט, די גרינע לאנקע א באגאסענע מיטן לבנה־ליכט, און זי איז פשוט משוגע געווארן. כ׳האב מורא געקריגן, זי וועט זיך נאך אנרייסן פון דער שטריק, האב איך מיך געזעצט רייטנדיק אויף איר. און אזוי רייטנדיק אויף דעם גרין־בלאען, ליכטיקן גראז, די לבנה איבערן קאפ, בין איך אויך געווארן אזא ווילד ייִנגל, וואס רייט אויפן ציגנבאק, אויפן קהלשן

קאַזשיאַל אין שול־הויף אַריין . . . ווי וואָלט איך מיך צעזונגען, ווי זי צעבעטשעט, אָבער מיר האָבן ביידע, אַפּנים, שׂכל געהאַט און זיך איינגעהאַלטן: עס איז דאָך געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט . . . פון ערגעץ־וואו קאַפּטשעט אַרויס אַ ליכטל, ביי אַהיימגיין: אַ ייִד ריכט, מסתּם, אָפּ חצות . . .

עס איז געוואָרן אַ שפּיל אונזערס, אַ סוד! און ווען כ׳בין איר ביי טאָג פאַרבייגעגאַנגען, האָט זי געלאַכט צו מיר מיט אירע גרויסע אויגן: חכם מיינער, קריג נאָר נישט קיין מורא. געדענק, היינט אויף דער נאַכט . . .

ביז ס׳איז טאַקע געשען אַן אומגליק! צורייטנדיק אַזוי אין אַ הייסער, קוים אָטעם־דערכאַפּנדיקער, דאַמפּנדיקער תּמוז־נאַכט ביז צום צמענטאַזש, און נישט נאָר איז זי שוין געווען אין די עולמות עליונים, נאָר איך האָב שוין געשוועבט אויף דער לבֿנה, איז זי מיר אַרויס פון צווישן די קני און אַריין, — איבערן צעפוילטן פּלויט! — אינם צמענטאַזש. גיי נאָך האַלבער נאַכט, אין די דריי וואָכן נאָך דערצו, און לאָז דיך נאָך אַ קאָזע, אַ שד אויף אַ צמענטאַזש. זי האָט דאָרט אַ חורבן אָנגעמאַכט צווישן די צלמים און איך קוים אַנטלאָפן, — פאַר שרעק! — מיטן לעבן.

מיך געלאָזן אויף גאַטס באַראַט אין בית־מדרש אַריין. ווי תּמיד האָט זיך דאָרטן געפונען וועד, אַן אורחי־פּרחיניק, מיט אַ טלית צוקאָפּנס, אַ מתמיד ביי אַ קאַפּטשעדיק ליכט, דער „נייער רבי״ קורלאַנד ביי אַ יאָרצייט־ליכט אין אַ זאַמד־קעסטל זיצט אויף דער ערד און „זיברעוועט״ שטיקער זוהר . . .

פאַרטאָגס, ווען כ׳בין אַהיימגעקומען, איז זי זיך געשטאַנען אין שטעלעכל אַ נישט־צוגעבונדענע און מיר געקוקט אין פּנים אַריין מיט אַ מין כיטרע געלעכטערל אין די שיפּלעך־קרומע אויגן: אָבער אָפּגעטון אויף טערקיש! שוין איינמאָל אַ שפּיל . . . אָבער אַזוי זענען מיר, מיר כשרה מעלה־גירהס, מיר שעיר לעזאזל . . . שווער אונז מעלה צו זיין . . . אָנו, דאָ האָסטו די שטריק און בינד מיך צו . . .

ס׳איז נאָך נישט קיין יאָר, פאַראַיאָר ראש־חודש אלול, און אַז ס׳איז געקומען די סליחות־טעג, ראש־השנה — „מי בחרב, מי ברעב״! .ס׳איז מלחמה, די שווערד פּאַכעט איבער יעדן קאָפּ — מיר האָבן זי געזעען, די אויסגעשטרעקטע שווערד, ווי ער האָט זי געפּאַכעט דער דראַגונער, אַנטלויפנדיק אויפן פערד איבער דער ראַגאַטקע אַרויף צום שאָסיי . . . און ערשט אויסצוגיין פאַר הונגער! מ׳זעט דאָך בחוש!

יום־כּיפּור ביי די „על־חטא״, צוקומענדיק צו „בגלוי עריות״, „בגלוי ובסתר״, כ׳האָב מיך געבאָדן אין טרערן, ס׳האַרץ האָט זיך מיר געקאַרטשעט. אַז ס׳איז געקומען צו „כּתר״ און דער טאַטע האָט דעם טלית איבערן קאָפּ אַראָפּגעצויגן און מיך מער נישט אַרונטערגענומען ווי אַלע יאָר, האָב איך געוואוסט: אַצינד שטייט ער שטיל צעקייכעט, קיינער זאָל נישט הערן און די הייסע טרערן גיסן זיך אים פון די אויגן און ער שעפּטשעט שטיל די „תּפילת קרי״ —

אַצינד הייסט עס בין איך שוין אַ דערוואַקסענער און מוז אַליין תּשובֿה טון און תּפילה טון אויף מיינע חטאָים און עוונות. דער טאַטע ווייסט שוין, אַז איך ווייס שוין אַלץ! . . . אַ, וואָלט איך אַ טלית איצט געהאַט אים אַריבער־



צוציען איבער מיין קאָפּ! זיין שולד איז עס שוין נישט מער: האָט ער מיך נישט דען געוואָלט חתונה מאַכן? בן שמונה עשׂרה לחופּה!

שטיי איך אַזוי בגלוי, אָפן פאַר אַלעמענס אויגן מיטן קאָפּ צוגעפאַלן צו דער וואַנט, און אַליין פון געהעשע, פון געקייך, קלאַפּט זיך דער קאָפּ אין וואַנט, און זאָג און זאָג, קוים כ׳זע די ווערטער אינם מחזור: „והתקן אשר פגמתי . . . שלא במקום מצווה . . . אני וכל ישׂראל . . . לב נשבר ונדכה״ . . .

איך שטיי נאָך אַלץ, כ׳שעם מיך דעם קאָפּ אויסצודרייען, דאָס פּנים, די אויגן זענען דאָך נאָך פול מיט טרערן . . . דער טאַטע האָט שוין דעם טלית פון קאָפּ אַראָפּגענומען. איך שטיי נאָך אַלץ, קיין ריר מיך נישט צו טון „בלב נשבר ונדכה״.

דאָס אַלץ איז געווען נאָך פאַראַיאָר! היי־יאָר, דאָס זעלבע סאַמעטענע היטל, די אַטלעסענע קאַפּאָטע, די גאַרטל, די פּאות. איך זע קלאָר די ווערטער, איך זאָג זיי, אָבער אָן יעטוועדער באַדייטונג; זיי קייקלען זיך אַראָפּ פון די ליפּן, אָבער זיי קומען נישט אַרויס פון האַרץ. די הויכע תּפילות שריי איך מיט, זינג זיי מיט: „אוי־אוי־אוי, האַ־האַ־האַ״.

נאָך „שיר היחוד״, נאָך „כּתר מלכות״ זאָג איך דעם טאַטן, אַז כ׳וויל בלייבן אין שטיבל — ס׳איז נישט געווען דאָס תּהלים־זאָגן, דאָס משניות־לערנען, ס׳איז געווען אָפּגעשמועסט מיט וואָרטשען, און מיר ווען צוזאַם אַהינגיין צו דוד ריכטער — דוד ריכטער איז אַפילו צו „כּל נדרי״ אויך נישט געגאַנגען אין קיין שטיבל אַריין, אין קיין שול . . . ער האַלט נישט מער פון די זאַבאַבאָנעס! ר׳איז סאָציאַליסט, מאַרקסיסט, אַטאָויסט, ער ווייסט וואָס ער איז!! ער איז נישט „אחד בפה און אחד בלב״ — ער איז אַ גאַנצער מענטש . . .

„מ׳מוז גאָרנישט אַזויפיל תּשובֿה טון, מ׳מוז נאָר ווייניקער טון עבֿירות״, האָט דער טאַטע מיט זיין שמייכל מיך אָנגעקוקט און מיך צוגענומען צום זוהר. דער ניגון, די ווערטער, כ׳האָב זיי מיטגעזאָגט, אָבער אַזוי ווייט, אַזוי פאַרהוילן ווי דורך אַ שלייער: „בוצינא עלאה נהור . . . עלאה נהור ולא מנהורא דשמיא״ . . .

דער טאַטע מיטן פעטער משה זענען אַרויסגעגאַנגען. איך בין געבליבן זיצן מיט דוד פייגנבוים, דעם פעטערס ייִנגסטן זון, שוין אַ היינט־וועלטיקער, מיט דער גמרא קיינמאָל קיין סך נישט געהאַט צו טון. אַ צייכנער, אַ גראַווירער פון פאַך, אָבער נאָך יענקלס חתונה אַריינגעצויגן אין געוועלב . . . נישט קיין אַטלאַסענע קאַפּאָטע, נישט קיין סאַמעטן היטל. אָבער ייִדיש אָנגעטון מיט אַ קאַלנער און שניפּס און אַ קליין מחזורל . . . אַן אָנגעלעזענער, נישט נאָר אין ייִדיש; מער אין וויסנשאַפטן ווי אין ליטעראַטור, אַן אויפגעקלערטער, — אַ פּאַצעט, אַ פּועלי־ציון!

ער איז געבליבן מיר ביים דופק אַ טאַפּ צו טון: צי בין איך טאַקע אַזאַ טערק ווי איך זע אויס . . . מ׳זאָגט דאָך, אַז איך דריי מיך מיט לאָזער פּלאַצקער, מיט יאַנקל דעם עסיק־מאַכערס, מיט די וויעוויאַרקעס . . .

אין שטיבל זעט אויס ווי נאָך אַ שלאַכט! מאַנכע ליגן אין די ווייסע קיטלען מיט פאַרקנוילטע טליתים אונטער די קעפּ; צעכראַסטעט, פאַרחלשט נאָך אַ

טרינק.

מיר גייען אריין אין דער ווייבער־שול. פון היץ שמעלצן זיך די גרויסע יום כפור־ליכט אין די זאמד־קעסטלעך. אין איין טריפנדיק ליכט האט זיך א גרויסע פליג אריינגעכאפט און צוזאם מיטן שווארצן שנויץ פונם ליכט קנאקן זיי אינם צאנקענדיקן פלעמל — קנאק, קנאקק און אויסגעגאנגען!

ווי קיינמאל גארנישט גיי איך צו און ציגד אן דאס יום כפור־ליכט — — דוד פון לויטער שרעק איז שנעל צוריק אריין אין שטיבל. איך בין אים נאכגעגאנגען און הלצהדיק־הפקרדיק, זעענדיק זיין פאצעטישע מורא:

„פארשטייסט, די יידינע, דערזעענדיק מארגן איר אויסגעלאשן ליכט, וועט דאך אויסגיין פון שרעק".

„כ'האב דיר געוואלט טאפן דעם דופק, אבער דו ביסט שוין פאר מיר צו לעבעדיק". האט זיך דוד בארואיקט: „דו זאגסט זאבאבאנעס, עס איז שוין גארנישט קיין נארישקייטן . . . מ'מוז זיך דאך אין עפעס אנהאלטן אינם יסוד".

„א רוצח האלט זיך אן אין די קרנות המזבח! מיר מוזן זיך אנהאלטן אין לעבן . . . עס שטייט איצט אויף א נייס" . . . כ'גרייט מיך, מעשה „קענער", צו האלטן א גאנצע רעדע, „פירן א דיסקוסיע" . . .

ער רייסט מיר איבער: „אז דו ווייסט שוין טאקע יא, וועל איך דיר טאקע זאגן, אז דאס וואס דו זאגסט איז זאבאבאנעס, גאלע שטותים. כ'האב שוין גערעדט מיט א גרעסערן חכם, ווי דיין דוד ריכטער. דו ווייסט דאך, דער מומע פייגעס זון איז דאך דער ראש זייערער, דער גאנצער רעדע האלטער" . . .

ער קוקט מיך שארף אן אין מיין הילוך: „אויב יא שוין וואס דרייסטו דיך ארום ווי א קאטשעלאפ, ווי א טערק — זיי זענען דאך פאר גאנצער אסימילאציע. און באמת אין דעם הילוך ווילסטו דאס די וועלט ענדערן?"

„כ'וויל דעם טאטן נישט מצער זיין".

„און אז ער וואלט געזען, אז ער וואלט געוואוסט דאס, וואס האסט דריבנן געטון? שפילסט דעם גרויסן העלד אין בית־מדרש אונטערן אויון.

איך האב נישט געענטפערט. צי דערפאר טאקע ווען דער טאטע וואלט געוואוסט, וואלט ער אויסגעגאנגען פון צער . . . צי דערפאר ווייל דער אמת איז דאך, אז איך האב אפילו נישט קיין כוח די הלבשה מיינע צו ענדערן, די גראבע פאות מיר אפצושערן און כ'רעד מיר שוין איין און וויל אנדערע שוין איינריידן די וועלט צו ענדערן? . . . זי אנדערש צו מאכן פונם יסוד . . . אויף וואס זענען זיי אלץ נישט גרייט אין תפיסות צו גיין, אויף תליות . . . אבער איך? אויסגעלערנט מיך נייע ווערטער אין דער זעלבער קאטשעשעלאפ . . .

מוצאי יום־כפור אויף דער נאכט, ווען מ'איז אהיימגעקומען פון דאווענען, איז די מאמע געווען זער טרויעריק: דער מומע גיטלס ליכט איז געווען אויסגעלאשן . . . א טויטע פליג א פארוויקלטע אין א שנויץ האט אראפגעהאנגען פון צעקרימט־צעשמאלצענעם ליכט . . . איך האב געקוקט אויף דער מאמען ווי חוקר ודורש צו זיין, ווי כ'וואלט עפעס געוואוסט: „דער מומע גיטלס?" דער טאטע, אונז בידן אנקוקנדיק, האט זיך געמוזט איינהאלטן, — נישט צו בייזערן זיך, נישט אויפצולאכן, טרויעריק צו זיין? — „הערט דאך אויף מיט אייערע



שטותים!" און מיך אנגעקוקט ווי כ'וואלט עפעס געוואוסט . . .

איך האב געוואוסט, אז ס'איז טאקע דאס זעלבע ליכט און אז דער שולדיקער בין איך: כ'בין געווען וואויל־יונגעריש! געוואלט וויזן, אז כ'בין א קענער . . . אז כ'האב שוין יא צוריק אנגעצונדן דאס ליכט אין יום־כפור ביינאכט נאך כל־נדרי, האב איך געמוזט האבן שכל די פליג מיטן שנויץ ארויסצונעמען פונם טאפטשענדיקן חלב . . . מיט וויזן קונצן, מיט הפקרות, ענדערט מען גארנישט; מיט שכל, מיט א ציל, מיט וויסן וואס מ'טוט, הילפט מען אפשר.

דעם שווערן ווינטער איז די מומע גיטל געשטארבן; נישט פאר הונגער, נישט פון טיפוס — פון א פארשלעפטער שלעפע־קישקע! מתחלת האט זי מורא געהאט צו דערציילן . . . און הערנאך, אז די יסורים האבן זי אנידערגעלייגט, האט זי מורא געהאט פאר דער אפעראציע . . . זי איז אויסגעגאנגען ווי א ליכט, טראכנדיק מסתם אינם אויסגעגאנגענעם יום־כפור־ליכט . . .

„כ'האב מורא וואס כ'האב מורה! האט נישט דער רמב"ם געזאגט, אז פון שרעק אליין קאן דער מענטש שטארבן". גערעדט די זיך, ווי געוואלט טרייסטן דעם פעטער משה'ן, האט דער טאטע נישט איינמאל זיצנדיק אזוי אויפן נידריקן בענקעלע, ווי געשמייכלט צו זיך: „אויסגעגאנגען היליק ווי א יום־כפור־ליכט" . . .

ס'זענען געווען שרעקלעכע טעג דעמלט: די מומע גיטל איז געווען דעם טאטנס געליבטסטע שוועסטער, אונזער געליבטע מומע. די זארג פון אונזער פארצווייגטער משפחה האט זי אויסגעטראגן מיט איר קלוגן קאפ: מ'האט געוואוסט וואו עפעס א זאך, וועט זי עס שוין פארשטעקן... גיטל אסתרלס פון דער קאזשיע גאס, פונם גרויסן גאלאנטעריע געשעפט — די מאמע פון אלע געסלעך דא איז זי געווען. דאס געוויין ביי דער לויה איז געווען דאס געיאמער פון די ארעמע, פארהונגערטע געסלעך.

דער פעטער משה, וואס איז זיין גאנץ לעבן געווען א „באבע", געזעסן אונטער דער טאשעוואניע, אין מזרח־וואנט אין שטיבל, ווי דער איידעם פון ר'שלמה דיין, ווי דער מאן פון גיטל אסתרלס, איז אין איין נאכט געווארן א זקן . . . איטשע דער איידעם, דעם וואלבעראמער דיינס זון, דער עילוי, וואס יעדעס יאר האט ער מיט זיין שארפן קאפ צורעכט געמאכט א פרישן נדן, איז גרייט געווען איבערצונעמען דאס געשעפט . . . שוין אין די שבעה־טעג זענען ארויסגעקומען סכסוכים צווישן די חתונה־געהאטע זין . . . דער פעטער משה האט זיך געטוליעט צו דודן ווי א קליין קינד; ער האט געוואוסט, אויב דוד וועט בלייבן אין געשעפט, וועט אלץ בלייבן ווי געווען: „גיטל אסתרלס גאלאנטעריע געוועלב".

אין יענע נעכט פלעג איך מיך אסך דרייען מיט דודן. ער איז געווען א גלייכער מענטש מיט א גלייכן שכל, קיל, זאכלעך — א טשענסטאכאווער. ער איז געווען פון דער נאטור א קינסטלער, אבער ער האט געוואוסט, אז זיין כוח איז באגרענעצט און געווארן „פון פאך" א גראווירער. ער איז געבליבן א „טאטנס א קינד", אסך געלייענט, זיך אינטערעסירט מיט ארץ־ישראל, געווען א פועלי־ציון, זיין ציל איז געווען צו פארן נאך פאלעסטינע און זיין דארטן אן ארבעטער פון פאך: א גראווירער. פון זיינע העבראַאישע אותיות, וואס ער

פלעגט צייכענען, איז הער פעטער ראובן אבא דער סופר גאר נתפעל געווען.

„דאס לעבן איז א גורל", האט ער אנגעהויבן. מיר זענען געווען אין דרייען, מיט אונז איז מיטגעגאנגען ראובן בראנדעס, דער מומע שרהס איניקל: „כ'וועל שוין בלייבן אין דער קאזשיע גאס אונטער דער טאשעוואניע און מעסטן טאשמעס און פארקויפן צוהאטן; ווי קאן איך איבערלאזן דעם טאטן? ער איז דאך געווארן ווי אפהענטיק, ווי א קינד. פון אלע פאנטאזיעס וועט זיך אויסלאזן א בוידעם. די וועלט ווילן מיר ענדערן, און דאס אייגענע שטיקל לעבן . . . דו האסט רעכט, מ'מוז ענדערן מיט שכל, אבער ער איז א קריכער דער שכל. ער קומט שטעטס מיט א מינוט צושפעט . . . וואס ראובן, ווען ניטשו די מלחמה, וואלטן מיר שוין ביידע געווען אין פאלעסטינע . . . ער", האט ער אנגעוויזן ראובנען אויף מיר, „גריבלט זיך צופיל אין זאבאבאנעס. ער איז א טשעלאדזשער: שטאנער, באנער..." דוד האט געוואלט ווייטער ריידן, איך האב אים איבערגעריסן, אים אריינגעפאלן מיט מיין פלוצלינגען איינפאל:

„און אפשר איז דאס גאנצע לעבן אזא קריכנדיקע זאבאבאנע?" לעולם האב איך געגנוי נישט געוואוסט וואס איך זאג; כ'האב מיך געוואלט פארענט־פערן, און די אלע גערעדטע ווערטער זענען מיר געשטאנען אזוי דייטלעך פאר די אויגן: „לעבן", „קריכן", „זאבאבאנעס". האב איך צוזאמענגענומען אין איין זאג. מיר האבן זיך אלע דריי אנגעקוקט. נארישעוואטע־פארטראכט.

* * *

אויב די פארגאנגענע ווינטערס זענען הונגער, נויט, קראנקייט, איז מען שוין היי־יאר אויסגעגאנגען פון הונגער; געשטארבן פון חולאתן און מגפות. כלערליי טיפוס־עפידעמיעס האבן געבושעוועט און פארכאפט גאנצע הייזער און געסלעך. די ווינטער־טעג זענען אנגעלאפן ווי די ווייסע טייוולאנים, ווי דער „שמיערטש" מיט דער קאסע, און געקאסעט אויף לינקס און רעכטס און מענטשן זענען געפאלן ווי די פליגן.

הונגער, קעלט שמוץ, די דריי שליחים פון טויט — די „אנטלויזונג" איז געווארן די שרעק פון די געסלעך!

אויך אויף אונזער קאזע איז ארויס די גזירה — שחטן! ראשית, האט זי זיך אויפגעהערט מעלקן, והשנית, ווי וועט זי דרויסן אין אזא קאלטן ווינטער שטייו אין שטעלעכל? און זי ווידער אריינגעמען אין קיך, איז קודם פון אזא ווילדער זאך, ס'וועט נישט זיין אויסצוהאלטן. והשלישית, דעם שמוץ, וואס זי וועט אנמאכן — פשוט אן עפידעמיע־געפאר!

שלמה שוחט — דעם פעטער ראובן אבאס זון, איז געקומען און זי געשחט־טן! מ'האט זי „איינגעפעקלט" און ס'איז געווען פלייש איבערן ווינטער — ביי יעדן מאלצייט האט מען די קאזע מזכיר נשמות געווען. די מאמע האט כסדר דערציילט פון איר קלוגקייט. א נארישע קאזע זאל קאנען זיי אזא חכמת! און דער טאטע האט אליץ גערעדט וויאזוי דער מענטש מוז מעלה זיין די בריאה; דעם דומם, דעם צומח, דעם שטומען בעל־חי איז דער מענטש, דער מדבר, מעלה מיט א ברכה, מיט כוונה. וואס איז דען דער טיש? א מזבח! און צימעלע, אז מ'האט אנגעהויבן ריידן פון דער קאזע, איז ארויס מיט א געוויין, מיט א



געבעטשע . . . מיינע אויגן זיינען גרויס געווארן, סודותדיק־קאסאקא . . .

אין די פרעסט־וואכן האב איך מיך מיטן גאנצן כוח אריינגעווארפן אין דער ארבעט. צו קריגן א וואגאן קוילן האט מען שוין נישט געברויכט קיין פראטעקציע, אבער אים אהיימצוברענגען איז געווען סכנת־נפשות. פון דער ראמפע ביז אהיים איז יעדער וואגן געווען באלאגערט מיט גנבים, מיט גנבים־לעך. דער פארמאן אליין, אויס רחמנות, האט אראפגעשארט, אז זיי זאלן כאפן. שקצימלעך, באבעס, יינגלעך, ווייבער זענען נאכגעגאנגען ווי נאך א „פאגזשעב", ווי נאך א לוויה.

מ'האט שוין די קוילן אין סקלאד נישט צעכאפט! צו פארקויפן א וואגאן קוילן האט מען געמוזט שטיין א גאנצע וואך און געפרווירן ווערן. כ'האב פשוט נישט געהאט קיין הארץ דעם טאטן צו לאזן שטיין אין די קרירות, בין איך געשטאנען און, ווי ער, דעם „יערות דבש" און „תפארת שלמה", האב איך געהאלטן אין האנט א פרק, א שלום אש. און אז ס'האט זיך באוויזן א קונה, האב איך געכאפט דעם קארב קוילן אויף די פלייצעס, ווי א טרעגער, און אפגעטראגן — מיך צו דערווארעמען, איינצושפארן דעם קונה דאס טרונקן־געלד . . .

דער טאטע האט געפילט, אז ער פארלירט מיך; אז זיין השפעה הערט אויף צו האבן א פעולה אויף מיר. און אזוי ווי ער האט זיך געניטיקט אין עמיצן, האט זיך צוגעטשעפעט צו אים דער בעל־תשובה, דוד ווינדמאן, דא צו פרעגן א טייטשווארט אין „חיי אדם", דא פשט אין „עין יעקב", און אזוי פון פרעגן איז געווארן לערנען און פון אים אליין — דאס גאנצע טרעגער־שטיבל. צוערשט איינער־צוויי ביז אלע זענען שוין געזעסן ארום טיש מיט אפענע מיילער און דער טאטע האט זיי אריינגעלייגט אין גמרא־מעשהלע נאכן צווייטן, אין מדרש־משל נאכן אנדערן —

דאס בית־מדרשל איז שוין נישט געווען ביי שטשעקאצן אויפן בוידעם־שטיבל. די הארואויטשעס האבן געגעבן א בחינמדיקע שטוב, מיט די פענסטער ארויס אויף דער גובערניע. פיר אזייגער פארטאגס האט שוין דער אייזערנער אויוון געגליט, דער טשייניק טיי געזודט און אונטערן בליך־לאמפ איז דער עולם געזעסן ביי די פארעדיקע גלעזער טיי. די טרעגערס האבן שוין „געזארגט", אז ס'זאל זיין א קלעצל צוקער, א פעקעלע טיי... און דוד ווידמאן האט שוין דריי אזייגער פארטאגס דעם אויוון געהייצט, די טיי־מאשינקע אנגעצונדן, די קנויטן געפוצט, און דער צילינדער פון בליך־לאמפ און די טיי־גלעזער האבן נאר געשפיגלט און געבלאנקט — דער גן־עדן התחתון אויף דער וועלט.

אז דער טאטע איז אויפגעשטאנען פאר פיר אזייגער פארטאגס, האט ער זיך געלייגט שלאפן פאר צען. און ווען איך בין אהיימגעקומען נאך א גאנצן טאג שווערער ארבעט, פרירן און קעלט, „פארפאלן" ווערן אין די נעכט מיט חברים, האב איך מיך אוועקגעזעצט במנוחה ביים זיידנס מאהאגאנעם טישל, וואס איז געשטאנען צווישן די שווארצע ספרים־שאנק און ווארעמען קאכל־אויוון ביי מיינע ביכלעך.

אויפן קווּאדראט־באלויכטענעם טישל דאס קאפטשעדיקע ליכט הילט איין

די גאנצע שטוב אין א באוועגלעכן טונקעלען שאטן. כ'לייגן, כ'טראכט, כ'חלום, כ'בלייב ליגן מיטן קאפ אויף א ווארעם־גלאטער קאפליע פארזונגען אין דמיר־נות.

ווי דאס לייענען איז געווען אן א סדר, וואסער בוך, וואסער בראשור פונקט געהאט, אזוי די מחשבות. אט פארטיף איך מיך און בין איינס מיט דעם, וואס כ'לייען; מיט דעם, וואס כ'טראכט — ממש חושימדיק איינס, און אט צעפלאשעט, צעפלאטערט, כ'בין נישטא מער, ערגעץ־וואו אוועקגעפלויגן.

מידקייט, חלומות, קינדישע פאנטאזיע: „אונטער יאקעלעס וויגעלע, שטייט א גאלדן ציגעלע", זע פונם טאפ קריכט ארויס די איינגעפעקלטע קאזע, פון דער קאזשיע גאס קומט זי, פון דער מומע שרהס בוידעם די אויסגעטריקנטע קאזע־פעל . . . פון טשעלאדזשער מארק דער גאראל מיט דער פייפנדיקער, שפילנדיקער קאזע . . . און זע, אין דעם ליכטיקן קוואדראט־ווינקל אויף דער וואנט איבער מיין טיש — דער טאנצנדיקער קאזע־קאפ מיט די צוויי שפיציקע הערנער: „מעע, מעע" — — — מיינע אויגן קוקן גרויס און סודותדיק.

„דו שלאפסט נישט?" הער איך דעם טאטן רופן פון בעט ארויס און כאפ מיך ווי כ'מאך מיט מיינע פארפלאכטענע פינגער „קאזעס" אויף דער וואנט.

צווישן אונז איז ווי א מין שטילער אפמאך געווען. ווען דער טאטע וועט אריינגיין אין בית־מדרשל, וועל איך מיך לייגן אין בעט אריין — איך קארטשע מיך שטיל איין און לייען . . . די קאזע איז ווידער דא! די געזונטע בארוועסע שיקסע, הינטערן צמענטאזש, די רויטע צעכראסטעטע, מיט דער אפענער בלוזקע, מיט דער גראבליע אין דער האנט, מעלקט זי . . . און זי, די קאזע, א צעבעטשעטע. מיטן „אשת־חיל־ניגון לאזט זיך דורך די פייערקע פון אויוון . . . א דערציטערטער כאפ איך מיך דערשראקן אויף: כ'בין איינגעשלאפן מיטן קאפ אויף דער גלאטער ווארעמער קאפליע . . . כ'האלט מיך איין נישט צו מאכן קיין געדודער.

אין דער פרי האט די מאמע דערציילט מיט אפאר אויפגעריסענע בלויע אויגן: „אונזער קאזע דרייט זיך ארום דא אין א גלגול, כ'האב זי געהערט בייי־נאכט בעטשען" . . . כ'האב אויף איר געקוקט ווי כ'וואלט עפעס געוואוסט, און מיינע אויגן זענען נאך גרעסער געווארן ווי אירע . . .

אין יענער נאכט האב איך געשריבן מיין ערשט ליד. איך געדענק קיין איין ווארט נישט דערפון. דער אינהאלט איז געווען: אז איך האב אפילו קיין כוח נישט מיך אויפצוהענגען . . . אלע ארום מיר צילן ערגעץ אהין, ווייסן וואס זיי ווילן . . . איך דריי מיך ארום ווי א דריידערל אויפן טיש, וואס שטייט שמונה־עשרה, ווי א הענגנדיקער, וואס באמבלט זיך פון א האק . . . אלע האבן עפעס, וואס מ'קאן גיין דערפאר אין תפיסות, אויף תליות . . . וואס דוד ריכטער טוט אלץ נישט? אן שום מורא — דאס לעבן זיינס שטייט יעדע רגע אין קאן. און אפילו דער לאמער סטודענט, פאר דער מינדסטער תאווה וועט ער גיין אין דער ערד אריין — ער פייפט אויף אלץ! און איך מיט אלעם בין איך פאן־בראט — מיט אלץ! מיט א קאזע, מיט א מענטש אין א ביכל, מיט אן ארויסגערעדט ווארט, מיט א געדאנק, וואס יענער טראכט נאך.



נישט נאר מיט מרים ביילען דעמלט אין קימפעט, דער קראמף אין פיס! שוין אלץ קינד, צימעלע האט צעבראכן א גלאז און איך פיל איך בין, איך האב'ס געטון, אברהם האקט אויס א שייב ביים שוסטער אין קעלער . . . איך בין די זאכן וואס געשעען . . . אויפן וואנט די צעשאטנטע קאזע . . . מיין נאקעט לייב אין וואסער א צעשפיגלטס — א שפרינג אריין און נישטא מער! ווען איך קאן עס נאר? . . . צעשפרינגען אין טויזנט שפליטער, אין צעפינקלטע טראפנדלעך . . . און די ווערטער וואס אנגעשריבן? כ'לייען די שורות נאכאמאל, נאכאמאל, זיי זיינען אזוי טויט־טרויעריק, אבער אין הארץ א פרייד וואס וויל צעשפרונגען — זע, זיינען אויך אזוי ווי איך . . .

ווי מיט א סוד כ'בין געלאפן צו וועוועטשען, ער איז נתפעל געווארן: „ס'איז געוואלטיק, ס'איז משוגע, ס'איז ניי . . . ס'האט א קאזע־בערדל, ס'האט פיאות . . . ווייסט אברהם נחום".

מיר זיינען אהינגעלאפן צו דוד! דוד ריכטער האט געקוקט אויף מיר מיט זיין גוטן אלט־קלוגן בליק און אין די שרות, נישט געליינט, נאר ווי געטראפט זייערע ווערטער, ווי די בראנפן טראפן וואס מ'הערט פאלן אין פלעשל אריין פונם בלעכענעם געשטעל, פון דעם גאלאגאנסקער האן, מ'האט געהערט דאס טראפן נאך ווען ער האט גערעדט צו מיר:

„דאס ליד איז גוט, ס'איז דו . . . דו ביזט אבער נישט גוט, דו ביזט נישט דו . . . ס'מוז נאך א סך אפשטיין, ס'מוז נאך יורן, שוימען . . . דו מוזט נאך לאנג־לאנג קאכן אויפן שפירטיס־פלעמל . . ." קוקט ער אויף מיר מיט א גוטן שמייכל: א ליד איז נישט ווערטער, ס'איז טראפ, טראפ טיף פון הארץ.

כ'הער נאך אצינד די ווערטער, דאס געטראפ פונם געשטעל, פונם „גאלא־גאנסקער האן", אבער כ'געדענק נישט קיין איין ווארט פונם ליד. דעם טרויער געדענק איך, די ציטערדיקע פרייד! דוד'ס שמייכל.

47 יאר שוין זייט דעמלט, טויזנט און איין ליד שוין געשריבן, אבער יענס ערשט לייטערט זיך נאך, עס יערט, עס שוימט, עס שטייט זיך אפ: טראפ, טראפ, טראפ . . . איז עס שוין גוט? איז עס נאך אלץ איך? איז עס נאך ניי? . . .

פון אלע מיינע לידער, אין די הונדערטער מסתם, געשריבן אין די שווערע און אויפגעברויזטע יארן מיינע, צווישן 1917־22, איז מיר געבליבן בלויז איין ליד, ווייל כ'האב עס געדענקט פון אויסנווייניק. עס איז נאך איצט דאס איינציקע ליד מיינס, פון אלע מיינע לידער, וואס כ'קאנס נאך פון אויסנווייניק.

אין מיין בוך „און דו ביזט גאט" געדרוקט אין לייפציק 1924 איז עס דאס איינציקע געגראמטע און ריטמישע ליד אין בוך לידער געשריבן אין אזוי געראפענעם, ווייסן פערז. כ'האב דאס ליד ליב, ווייל ס'האט אין זיך נאך די אויפוירנדיקע, שוימענדיקע טראפן פונם גאלגאלסקער בלעכענעם האן אויף דוד ריכטערס טיש: טראפ־טראפ, טראפ־טראפ.

ס'סהאבן די וועלן
מיך ברויזן געלערנט
און שוימיק צו זיין,
צו קאנען פארלאכן
טאג־טעגלעכע פיין —

זיך קאנען פארמעסטן
צום פעלזן צום גרעסטן
און ווערן צושמעטערט —
און ווידער געקלעטערט!

און ס'האבן די פעלזן,
די סקאלישע ריפן,
מיך שווייגן געלערנט;
ליידן און ליידן
און פרעסן די ליפן . . .

כ'האב דאס ליד געשריבן אין האלאנד סוף יולי 1921.

## לידער

דער פאדים פון מיין לעבן איז אויסגעשפונען,
א רויטער קנויל די גרויס פון זיבן זונען;
אבער וואס קומט פון דער ארבעט ארויס,
אז פארגעסן ס'קניפל צו מאכן בלויז.

איין צי ביים עק מען ברויך נאר צו געבן,
און גארנישט די ארבעט פון גאנצן לעבן;
אלץ וואס אויסגעהאפטן און אויסגענייט,
א שפין־געוועב פון שטורמווינט פארוויט.

פון דער רגע פון נאפל אפגעבונדן
ביז די לעצטע טויט־טריפנדיקע וואונדן,
אן אויסגעהאפטענער האפנונג־באגריף:
עס איז אונזער לעבן א „קנופ און א שלייף“.

* * *

ווי וויל איך מיך צוריקקוויקלען,
ווי א קינד אין וויקעלעך,
צו מיין ערשטן ליד;
אויסשרייען מיין געוויין,
מיט פארקראמפטן פויסטל,
ביז איינשלאפן טויט־מיד.

קיין מאמע צוקאפנס מער,
קיין פארדאגהטער טאטע,
באשיצט און באהיט;
ארום מיין אויסגעשטרעקטן האלז
וויקלט זיך אלץ יענס געטוליע,
די פעטליע זיך פארציט —

אומענדלעך הימל צעוויקלטער,
שווינדלדיק וויגט זיך די ערד,
הארץ קיין פונק־גאט מער צעגליט;
וויקלען מיך אין טויט אריין,
אין סובות־ווייסן פערז,
פון נישט־דערגראמט ליד.



פאמעלעך, פאמעלעך, קיינער זאל נישט זען,
אחוץ מיט שטילינקע טריט אזוי צו גיין

צום עולם־האמת, צום „גוטן ארט“.
פון ראג צו ראג זיך טאפנדיק ביי דער וואנט;
ווייי צו דעם, וואס אין דער לעצטער מינוט שוין
אן כוחות מען דערטאפט אים ביי דער האנט.

א געכאפטן גנב אין תפיסה אריין,
מען שלעפט אים נעבעכדיק צום לעבן צוריק!
און ער, א רגע פארן טויט — א נופל,
א געפאלענער מיט הכנעהדיקן בליק.

וואקלט ער ארום איפן עולם השפל,
ביי יעדן כף־הקל־שאקל פאלט א טרער;
אבער אווארט נאך פארן מויל צו ברענגען,
אן אמתדיק ווארט ער וואגט שוין נישט מער.

* * *

. . . ווייל איך קאנען דערשלעפן אזוי
מיינע לאנגע, מידע, שווערע טעג,
און אין לעצטן אנידערפאלן,
ווי קאן מען זיך פון לעבן ארויסדרייען,
מיט תמימותדיקן בליק, מיט ערלעך ווארט?
א בוים אונטערגעזעגט פון א זעג.

און פאלנדיק אויף מיינע צוויי הענט —
אויף אונטערגעבראכענעם געצווייג,
מיך דערגראבן מיט מיינע צען פינגער
צו גאטס שטילסטן און טיפן געשוויג.

מיין לעצטן ווילן אויפגעשריבן,
איבערגעבליבן אויף שווארצער ערד,
מיט יעדן פינגער פארקריצט אן אות —
א ליד, וואס גאט אליין נאר דערהערט.

דעם שם הויה־הוא־אלהים
שטעלן די צען אותיות צונויף,
און מיט מיין טויט ווערן מיין לעבן
א טיילכל פון ליכטיקן אין־סוף.

* * *

די בלומען, די ביימער ווינטער אויף די שוחבן,
די בליענדיקע מאנדל־ביימלעך, דער בעז,
זיי וועלן נאך אויפקנאספן פון לעצטן הויך
פון א שטויבעלע ערד, ווען שוין זיין א מת.

אז וואס איז דאס גאנצע שפינען־געשפין ?
צו כאפן א פליגעלע אין דער נעץ !
מען וויל עס נאך מיט לעצטן גסיסה־צאפל,
מיט לעצטן הארץ־יאגנדיקן טויט־געהעץ.

פון א קנאספל א בליטל זיך ארויסוויקלט,
פון ווערעמדיקסטן עפל א זוימענדל בלייבט ;
עס צעגייט דאס הארץ א בלום אויף א שויב,
ווען די לעצטע לידער שוין מען דערשרייבט.

## אייזיק גאלדבערג

# א חתונה אין ישראל פא - רוסקאמו

1

די פארמען און כאראקטערס פון די פארשיידענע חתונות אין מדינת־ישראל זיינען א קאפיטל פאר זיך. געפינען זיך דאך דארטן יידן מארבע פנות העולם, פון אייראפעאישע און אריענטאלישע לענדער, פון וואנען זיי האבן מיטגעבראכט מיט זיך כלערליי שפראכן, קולטורן, מנהגים און פארמען. גאר בולט מערקן זיך די אריענטאלישע ספרדים סאי מיט דער קאליר פון זייער הויט סאי מיט די אלטערטימלעכע מנהגים זייערע און אנשויאונגען.

פון אט דעם שמעלץ־טאפ, זאל אין דער צוקונפט זיך אין אים אויסקאכן אן איינהייטלעכע פארם פון א נייער וועלטלעכקייט מיט אריענטאלישער קולט דערפון זאל מיט דער צייט זיך אויסוועבן א הארמאניש צוזאמענלעבן.

נאר דערווייל לעבן זיך די פארשיידענע יידן אויס גרעסטנטיילס אפגעזונדערט איין גרופע פון דער אנדערער, מיט אייגענע קהלות, חברות און לאנדסמאנשאפטן אויף אזוי פיל, אז חתונה האבן איז נאך לעת־עתה א זער קאמפליצירט ענין. טרעפט טאקע אפטמאל, ווען א בחור אדער א מיידל ברענגט אהיים אן אויסדערוויילטן „חלק־שני" פון אן אנדערן שבט, טוט זיך אפ חושך ביי ביידע צדדים מחותנים . . .

מיטן יונגערן דור איז מען שוין אויף א דרך. דערצויגן קולטורעל אין מאדערנע שולעס, לעבט זיך שוין די יוגנט אויס צוזאמען געזעלשאפטלעך אין ספארט־קלובן און ענלעכע אינסטיטוציעס, אבער ביים עלטערן דור איז עס נאך א זער ווייטער מהלך. דער חילוק אין זייער באנעמען, אין זייער קולטור־צושטאנד, איז ווי מיט הונדערטער אדער גאר טויזנטער יארן צוריק. מען הערט זיך גענוג אן וועגן דעם פון דעם עלטערן דור־יידן. זיי קענען באלד נישט צולאזן צו א שידוך, אדער דאס פארל האלט זיך נישט לאנגע יארן. . .

אחוץ דעם, גייט זיך דאס לעבן ווייטער זיין גאנג. חתונות קומען פאר צווישן אייגענע און געמישטע קרייזן. די יונגע בויען דאס לעבן אויף זייער אייגענעם אופן. דערפאר טאקע פראוועט מען חתונות אויף כלערליי שטייגערס: עכט חסידיש, פאלקסטימלעך אדער גאר מאדערן. אלץ ווענדט זיך, באטירלעך, פון די יידן גופא בנוגע וואס פאר א מנהגים זיי האבן מיט זיך מיטגעברענגט פון די אמאליקע וואוין־לענדער.



דער נוסח ביי די ספרדיש־אריענטאלישע יידן איז גאנץ אנדערש. עס טרעפט אפילו אזעלכע חתונות, ביי וועלכע עס דאכט זיך מען זעט גאר קיין נוסח נישט . . .

אט אזא מין חתונה איז מיר אויסגעקומען בייצואוואוינען אין ישראל. געאגראפיש האט דער עולם געשטאמט פון גאר זער ווייטע מקומות, אזש פון סיבירער געגנט און פון טיפן רוסלאנד. במשך פון דער לעצטער מלחמה האט א טייל פון זיי געלעבט אין שאנכיי, כינע. אריבערגעפעקלט זיך האבן זיי זינט מדינת־ישראל איז אנטשטאנען. דא האט מען זיך גענומען צו ארבעט, מסחר און אינטעלעקטועלע פראפעסיעס. בכלל זענען זיי א גוטער, פראדוקטיווער עלעמענט. זיי, ווי אסך אנדערע, האבן דא זייערע לאנדסמאנשאפט־פאריינען, אין וועלכע זיי לעבן זיך אויס ווי איין גרויסע משפחה. רעדן רעדט מען צווישן זיך רוסיש אדער כינעזיש, און האבן אפילו זיך שוין אויסגעלערנט אביסל עברית און ענגליש. אין אלגעמיין האלטן זיי זיך אייראפעאיש. עפעס אייגנארטיק־טראדיציאנעלס האבן זיי נישט, אזוי, אז מיט דער מאדערנקייט מאכן זיי דעם איינדרוק פון צוריקגעשטאנענקייט.

2

אין איינעם אן אוונט, אין איינעם פון די שענסטע האטעלן אין ישראל, האט מען רעקארירט דעם גרויסן עס־זאל אויף א פרעכטיקן אופן פאר א חתונה־מאלצייט, צו וועלכן עס זענען געווען איינגעלאדן איבער דריי הונדערט געסט. די קעלנער האבן זיך געפארעט ביים אויסשטעלן וויס־געדעקטע טישן אין לאנגע רייען, מיט פיינע עס־באשטעקן, פלאשן ליקער און ווייַן, גלעזער צום טרינקען און אויך טייערע פרוכטן. מען האט אויך אוועקגעשטעלט לייכטערס און וואזעס מיט בלומען.

דער טיש אויבנאן פאר חתן־כלה מיט די מחותנים איז געווען באזונדערס פיין רעקארירט. אן עקסטרא באצירונג זענען געווען גרויסע מנורה־לייכטערס, קידוש־חלות, טארטן און ענלעכע זאכן. עס האט אויסגעזען, אז דא ווערט טאקע געפראוועט א פיינע, אריסטאקראטישע חתונה.

די האטעל־געסט, מענטשן פון פארשיידענע לענדער, וואס זענען דא איינגעשטאנען אין דעם האטעל, האבן זיך קוים געקענט דערווארטן אויפן אוונט, כדי בייצואוואוינען די חתונה. א זייטיק ארט איז געווען רעזערווירט פאר זיי אלס צושויער.

מיטן אוונט האבן די פארבעטענע חתונה־געסט שוין אנגעהויבן שטראמען צום האטעל, און אינדרויסן אויף דער גאס האט מען געקענט זען שטיין א נייגעריקן עולם, מערסטנס יוגנטלעכע. די פארבעטענע געסט אליין געווען געקליידט מאדערן, אבער אן שום באזונדערע טואלעטן. אפילו חתן־כלה, צוויי יונגע מענטשן נאענט צו די צוואנציקער יארן, זענען אויך נישט געווען געקליידט חתונה־מעסיק. דער חתן האט געטראגן א בלויען אנצוג, מיט א געווענלעכן הוט. די כלה — נישט אין א ספעציעל חופה־קלייד, נאר מיט א ווייסן וואלאן אויפן קאפ. געזעסן איז זי אינמיטן זאאל, וואו אלע האבן זי געקענט זען גלייך ביים אריינקומען און זי באגריסן. מערסטנטיילס האט מען זיך

געגריסט מיט איר, ריידנדיק רוסיש אדער, אדער כינעזיש . . .

ביינאכט, ווען נאך א וואַרימען טאג די ישראל־לופט האט אזוי צארט געגלעט יעדנס פנים, האט זיך אפגעשפילט די חתונה־צערעמאניע אויף דער טעראסע פון האטעל אונטערן פרייען הימל. פיר מענער האבן פעסט געהאלטן די פיר חופה־שטאנגען, ווי אמאל אין דער אלטער היים. א חסידישער רבֿ, מיט א לאנגער בארד און פיאות און א שטריימל, איז געווען דער מסדר־קידושין. בשעת מעשה האט ער אויסגעטיילט פסוקים פון די חתונה־ברכות די נאענטע פון חתן־כלה. ארום דער חופה איז דער עולם געשטאנען געפאקט קאפ אויף קאפ. מען האט זיך אפילו ארויפגעשטעלט אויף בענקלעך, כדי אלץ בעסער צו זען.

מיטן „הרי את מקודשת לי כדת משה וישראל“ און א מזל־טוב איז די חופה־צערעמאניע געווען געענדיקט. דער עולם האט זיך נאך דעם אויפגעטיילט אין פארשיידענע גרופן, און אזויווי עפעס אן עקסטרא צערעמאניע־פירונג לויט א מאדערנער פארם איז נישט געווען, האט מען זיך א לאז געטון צום עס־זאל, כדי צו פארנעמען די בעסטע פלעצער. ביי דעם געדראנג האט מען חתן־כלה כמעט נישט ארויסגעזען.

קיין ריכטיק ארט איז נישט געבליבן פאר די נאענטע און מחותנים. דעם אמת געזאגט, זענען עס קיין ריכטיקע מחותנים נישט געווען, ווייל חתן־כלה האבן דא קיין עלטערן נישט געהאט, פונקט ווי די מערסטע געסט אויף דער חתונה. עס זענען בלויז געווען קרובים און פריינט. דאך האט מען זיך גענומען די מי, אז די נאענטסטע זאלן קענען זיצן ביים טיש אויבנאן.

דארט האט זיך אויך געפונען א יונג רבל, א קליינס, א דיקלעכס, מיט א שיטער, בלאנד, רונדיק בערדל און א סאמעטן קאפל אויפן קאפ. מען האט נישט געקענט זען צי דאס רבל האט קידוש געמאכט, זיך געוואסן צום עסן אדער נישט, מחמת די געסט האבן זיך אזוי געטומלט, נישט ווילנדיק װארטן אויף װעלכע עס איז טיש־צערעמאניעס.

מען האט זיך גלייך גענומען צום עסן, פארטרונקען מיט וויין און בראנפן לאזנדיק זיך וואילגיין. ס'איז טאקע באלד געווארן לוסטיק און לעבעדיק. כסדר האט מען געקענט הערן ווי מען ווינטשט זיך צו „פא־רוסקאמו“, אנשטאט „לחיים“.

ווען די קעלנערס האבן דערלאנגט די מאכלים, געשמאקע פארציעס פיש, פלייש און אנדערע זאכן, האט דער עולם גלייך גענומען עסן, נישט ווארטנדיק איינער אויפן אנדערן. און ווידער האט מען פארטרונקען מיט דער שארפער משקה. טאמער זענען ביי אין זייט טיש געזעסן קנאפע טרינקער, האט מען די פלאשן גלייך אריבערגענומען וואו מען דארף און זיי גיך אויסגעליידיקט.

א פאטאגראפטשיק, אנגעטון אין א הולך ווי די וואס דרייען זיך ארום ביים ים צו פאטאגראפירן דאטשניקעס אדער באדנדיקע, האט זיך געדרייט אהין און אהער, געשטעלט זיך אויף טישן און בענק, האט פאטאגראפירט דעם אויפגעהייטערטן עולם פון אלע זייטן. ער האט געסאפעט, געשוויצט, ארומלויפנדיק מיט זאנגעהאנגענעם פאטאגראפישן אפאראט אויפן אקסל. די געלע



טשופרינע האר זיינע האט זיך געפלאשעט אהין און אהער, אפטמאל איבער די אויגן.

נאך דער חתונה־מאלצייט האט מען מיט גרויס מי קוים איינגעשטילט דעם עולם, אזוי אז דאס יונגע רבל זאל קענען האלטן זיין דרשה אין עברית. ער האט גערעדט וועגן די מידות טובות פון חתן־כלה. זיי געלויבט אלס א שיין, וואויל, געראטן פארל און גלייכצייטיק נוצלעכע מענטשען פאר מדינת־ישראל. און זיי געווונטשן, אז זאלן זיין מצליח זיין אין אלע זייערע וועגן, הערמאבענדיק הערביי ווי על־פי נס זענען זיי ניצול געווארן און געקומען אהער קיין מדינת־ישראל, און דא געפינען היימלאנד אריין. פארענדיקט האט ער מיט גוטע וואונטשן דער משפחה און נאענטע פריינט, אז זיי זאלן האבן גרויס נחת פונם פארל.

פון די וואַרימע ווערטער איז דער עולם זער גערירט געווארן, צוגעגאנגען צום יונגן רבל, אים געדריקט די האנט און געדאנקט, אביסל אויף עברית, הויפטזעכלעך אויף רוסיש. „דא־דא דא דא, טאק טאטשנא, ראבין. עטא וויערנאיע סלאווא. חתן כאראשי טשעלאוויעק, טאק טאטשנא. כלה כאראשאיא, קראסיוויא בארישניא“ (דער חתן איז א וואוילער בחור, און די כלה איז א שיין, וואויל מיידל).

דאס רבל האט קוים באוויזן צו זאגן די שבע־ברכות, אריינבאפן דאס בענטשן, און שוין האט זיך דער עולם געריסן צום טאנצן. די מוזיק האט געשפילט ישראלדיקע הוראס און אנדערע לעבעדיקע שטיקלעך, אבער מען האט געטאנצט און געהאפקעט אויף רוסישער אופן אזוי, אז די קאפעליע אליין איז אריבערגעגאנגען מערסטנטיילס אויף רוסישער טאנץ־מוזיק. מען האט גענומען טאנצן קאזאצקעס און געמיינזאמע רונדע טענץ. באלד האט זיך א יונגע פרוי א לאז געטון מיט שפרינגענדיקע פיסלעך אינמיטן זאאל אריין, א מין טשערקאסקע־קאזאצקע טאנץ, האלטנדיק צוויי מעסערס אונטער אירע ארעמס, פאכענדיק מיט זיי און צושפרינגענדיק. געטאנצט האט זי אויף די קנאפלס אירע אין כלערליי פאזעס, זיך געדרייט ווי א ווירבל־ווינט. באלד האבן אנדערע גענומען טאנצן קאזאצקעס, כדי צו ווייזן וואס קענען פארוסקאמו: אנדערע האבן באוויזן גאר גרויסע קונסטשטיק, טאנצנדיק מיט קליינע שריטעלעך, באוועגנדיק זיך אויף אלע זייטן, הויבנדיק די הענט אין דער הויך. דאס זענען געווען אזעלכע כינעזישע טענץ.

מיטאמאל זענען אויך די האטעל־געסט געווארן אינספירירט און זיך אויסגעמישט מיט די אנדערע אין א טאנץ אויף זייער אופן. פלוצלינג האט מען געזען אן אמעריקאנער, קליין געוויקסיק לויטן אויסזען, קרובֿ צו די זיבעציק, מיט א גאלן קאפ. אבער די שיטערע האר, וואס ער האט נאך געהאט ביי די זייטן, זענען געווען ארויפגעקעמט אויבן, כדי ער זאל אויסזען יונגער. געקליידט האט ער זיך יוגנטלעך, אין א ברוינלעך־געקעסטלטן אנצוג, שמאלע הויזן און שפיציקע שיך, א קארירט העמד מיט א שמאלן קראוואט. בלויז דאס פנים איז אים געווען בלאס און מיט קנייטשן, וואס האבן אנטפלעקט דעם סוד פון זיינע יארן . . . אבער דער גאנג זיינער איז געווען זער באוועגלעך, זשוואווע

און מיט טאנץ־ריטם. ווי עס האט זיך טאקע ארויסגעשטעלט, איז ער אמאל געווען א בוף־קאמיקער אין א יידיש טעאטער. און דא ביי דער געלעגנהייט פון די טענץ אויף דער חתונה האט זיך אויפגעוועקט ביי אים זיין פריערדיקע יוגנט און מיט איין שפרונג האט ער זיך שוין אריינגעוועבט אין דעם קאראהאד, געמאכט פארשיידענע באלעט־קונסטשטיק, געווארפן מיט די פיסלעך, געווינט זיך מיטן קערפער ווי אן אומרו אהין און צוריק. מיטאמאל האט ער גענומען זיך דרייען ווי א שרויפנציער אויף איין פוס און מיט איין שפרונג גאר געבליבן שטיין אין א פויזע פון א מאנומענט. דער עולם האט אים בסדר אפלאדירט.

אבער נאך יעדן טאנץ האט ער זיך עפעס פארקליבן אין א זייטיק ווינקל, אז קיינער זאל נישט זען. דארט האט ער ארויסגענומען קליינע פילן פון א מעדיצין־שאכטעלע, וואס ער האט געהאט ביי זיך אין דער טאש. שנעל האט ער זיי אראפגעשלונגען, כדי זיך צו שטארקן און לייכטער צו מאכן דאס שווערע אטעמען. באלד דערנאך טאקע האט ער ווידער זיך גענומען באווייזן מיט זיין טאנצן באלעט־קונצן.

צום סוף איז ער געווארן גאנץ דרייסט און פארבעטן יונגע דאמען און מיידלעך צו טאנצן מיט אים. קיין דערפאלג האט ער לײדער נישט געהאט. איינע ווי די אנדערע האט אים אפגעזאגט, מסתמא צוליב דעם חילוק אין די יארן . . . ענדלעך האט ער א נעם געטון זיין אייגן ווייבל צום טאנצן. זי איז אויך געווען א קליינע, אבער א דיקלעכע, באהאנגען מיט שווערע צירונג, דאס פנים זער געשמינקט, אמעריקאניש געקליידט כדי אויך אויסצוזען יונג . . . מיט איר האט ער זיך אריינגעטענצלט אינם קרייז, ווי א ווייזל, און אזוי אפ־טאנצנדיק איניקע מאל, איז ער אומבאמערקט פארשוואונדן פון זאאל.

דער פאטאגראפטשיק האט דערווייל ארויסגענומען די חתן־כלה פון דעם טאנצנדיקן עולם און געברענגט אויף א זייט, כדי זיי אפצופאטאגראפירן. פונקט ווי ער האט זיי אוועקגעשטעלט אין א ספעציעלער פאזע, האט א אונג פארל מיט א קליין קינד אויף דער האנט, אן ערך א יאר אלט, זיך אוועקגעשטעלט ביי חתן־כלה: דער מאן ביי דער כלה, די פרוי ביים חתן, און דאס קינד האבן זיי געגעבן דער כלה צו האלטן אויף דער האנט . . .

אין אט אזא פאזע האט מען געמאכט איין פאטאגראפיע, און א צווייטע ווידער מיט דעם אונטערשייד וואס דאס מאל האט דער חתן געהאלטן דאס קינד, וועלכעס האט אים געגלעט דאס פנים ווי א טאטן! אלעמאל איז דאס איין יאריקע קינד געווען דער מיטלפונקט אויף די פאטאגראפיעס צווישן חתן־כלה . . .

דערנאך האט מען גענומען חתן־כלה אין קרענצל אריין, געטאנצט מיט זיי און געשפרונגען, געהוליעט און געהאפקעט ביז אין דער שפעטער נאכט אריין.

עס איז געווען אן איינדרוקספולע, איינציק־ארטיקע פון די חתונות אין ישראל.

שוין איינמאל א חתונה, א יידישלעכע, פא־רוסקאמו.





## א. לעיעלעס (צו זיין 75טן יובל)

דער ערשטער אויפטריט פון א. לעיעלעס־גלאנץ אין אונדזער דיכטונג, אין דעם יאר 1918, מיט זיין לידער־בוך לאבירינט, איז געווען און איז פאר־בליבן ווי אן אקט פון מרידה קעגן דעם איינגעשטעלטן נוסח פון אונדזער פאעזיע; דער אבזאג פון באנייאונג פון יידישן ליד, אין זין פון שפראך, פארם און אינהאלט, וואס האט זיך מיט דער צייט פארוואנדלט אין א ברכה פאר אונדזער דיכטונג, און אים גופא דערפירט צו א געשטאלט, קאליר־פולע, אייגנ־ארטיקע און שעפערישע פערזענלעכקייט אין אונדזער ליטעראטור.

די געגנערשאפט, אפילו חוזק — מצד אונדזערע דעמאלטיקע ווארטזאגער און פירער צו זיין דיכטונג, האט אויף אים גליקלעכערווייז געהאט א פאר־קערטע ווירקונג.

מיט דער גבורה פון זיין טאלאנט, וויסן און עקשנות, האט ער מיט דער צייט, מיט דער מיטהילף פון זיינע מיטצייטלער: יעקב גלאטשטיין, נ. ב. מינ־קאוו, ב. אלקוויט און אנדערע — גורם געווען א נייע ריכטונג אין אונדזער דיכטונג: דעם אינטראספעקטיוויזם, אדער — אינזיכיזם, וואס האט באלד רעוואלוציאניזירט אונדזער דיכטונג, איר א שטויס געטאן צו דורכאויס נייע דערגרייכונגען.

מיט דעם כח, ליידנשאפט און אנוועגד פון די קולטורעלסטע מיטלען פון דער ווארט־קונסט, דער עיקרשט — זיין אריגינעלן צוגאנג צו זאכן און געשעענישן, האט ער זיין אייגן ליד דערפירט צו אזעלכע הויכן, אז מיט זיין אריינברענגען אין אונדזער דיכטונג, ווי אן אויסגעשפראכענער אינאוואטאר — כמעט אלע פארמען פון דער פערזנקונסט, איז זיין איינפלוס אויף זיינע מיט־צייטלער און די נאכקומענדיקע דיכטער אונדזערע, פאקטיש — אונדזער רום־פולע און רייכע דיכטונג אויף יידיש־לשון! — פארבליבן, ווי אן אייביקע דערמאנונג פון א קעמפעריש, וועלטלעך־יידישן פאעט, וואס איז ביי געש־טאנען אלע נסיונות, פאר זיך אליין אויסגעקעמפט און דעראבערט א בכבודיק שטול אין דער סאמע מזרח־וואנט פון אונדזער ליטעראטור, און גלייכצייטיק געהאלפן אונדזער דיכטונג דערהייבן צו קלאסאלע הערטן.

אין זיין אומהעמיידלעכן גאנג בארג־ארויף אין אונדזער דיכטונג, האט לעיעלעס געגראבן און געאקערט אין דער טיף און אין דער ברייט. ער האט דערביי פון זיך ארויסגעצויבערט די שיינקייטן פון וועלט, ייד און מענטש, אין די קאמפליצירטסטע פארמען פומן דיכטונג, דורך דעם אנווענד פון אזא שפראך־עשירות, וואס איז בלויז אייגן א פון גאט געבענטשטן פאעט, וואס איז דורכאויס אריגינעל אין זיינע המצאות און אין זיין אויפפאסונג פון ליד, אין אלגעמיין. צוליב דעם זיין קרעדא אין דער פארם פון א ליד, וואס גיט זיך דיר איבער מיט דעם אמת פון זיין הארץ־און־געוויסן, וואס זינגט זיך טיילווייז אזוי:

בלויז דער, וואס דערהערט זיין אייגענעם ניגון,
איז נישט קיין גר אין געהיים־לאנד פון ליד,
איז א תושב אין היימלאנד פון ליד.

און ווייל א. לעיעלעס האט דערהערט זיין אייגענעם ניגון אין דעם וואלד פון זיינע באלד אומצעליקע לידער, איז ער ווי א פאעט לדור דורות פארבליבן אין דעם היימלאנד פון זיין ליד, וואס איז גלייכצייטיק געווארן און פארבליבן דער קנין פון פאלק, אין דעם אוצר פון אונדזער דיכטונג אויף יידיש־לשון.

**ש. טענענבוים**

## מ י נ י א ט ו ר ן

(ספעציעל פאר „לשון און לעבן“)

### טשארלז דארווינס פארטרעט

עפעס אזוי ווי א פינצטערער העמב אין א געדיכטן אורוואלד פון מיט מעכטיקער מחשבה און קולטור. אן איינגעווארצלטער בוים מיט א ווייסער, פאטריארכאלישער בארד, ארויסגענומען פון תנ״ך, פון די אבות! זיין צעקלערט פנים דריקט אויס עקשנות און אומגעהויערן געדולד. קאסמיש געדולד. אזוי קען אויסזעען דער קאצקער צדיק אדער א פארצייטישער נביא פון די ברייטע און פייערדיקע בלעטער פון תנ״ך . . .

### עדגאר אלאן פאוס פארטרעט

איך האב געזען אין א בוכהאנדלונג פאוס פארטרעט. איין אויג איז ביי אים פינצטער און חושכדיק, שווער און אונטערגעהאקט ווי נאך א געשלעג מיטן מלאך. א טיפער שאטן ליגט צעלייגט אונטערן רעכטן אויג ווי א פלעק פון טינט . . . דאס צווייטע אויג לויכט מיט שכל, מיט קלארקייט און מיט ליכטיקייט פון דער זון. אזוי ווי א לאנדשאפט אין גרויען באגינען, אפגעוואשן פון ווארעמען און וואלענעם וואלקן, פון בלוט און פון טוי און פון וואלקנדיקע זייף־מידלעכעס. איינגעריבן מיט גאטס הייסע און מענטשלעכע הענט. א בלייך, צעבראכן און הויך־אריסטאקראטיש פנים פון מיט גאונות שטראלט טרויעריק ארויס פונם צו מיר אומפארגעסלעכן פארטרעט פון מיין ברודער עדגאר אלאן פאו . . .

**משה דאמב**

## שלמה אויערבאך ע״ה (צו דער ערשטער יאָרצייט)

שלמה אויערבאך איז געבוירן אין רוסלאנד און ערצויגן געווארן דארט אין א צייט ווען דער דור איז געווען שטארק באיינפלוסט פון טאלסטאיס אידעען, און אין דער זעלבער צייט האבן שטארק געווירקט די רוסישע קלאסיקער, דאסטאיעווסקיס „די ברודער קאראמאזאוו“ „דער אידיאט“ דער ניהיליסטישער געדאנק פון טורגעניעווס „פאטערס און זין“ גארקיס וואגעבונטישע וואנדערער מענשן, אנדרעיעווס „דער וואס קריגט פעטש“ וואס זיכט דעם כוס צו די ליפן, נאכהער ארצובאשעווס, „סאנין“ „דער לעצטער שטריך“ מיט די הכל הבלדיגע אנארכיסטישע געדאנקען. יעסענין שיכורט! כוליגאנעוועט, ברוגזט זיך מיט אלעמען מיט די ספעציפישע רוסישע קללות . . . אזוי איז געווען מאיי־

קאווסקי, בלאק, אסטראווסקי, די יוגנט פון יענער צייט לעבט מיט און איז שטארק באיינפלוסט פון אט די שרייבער און זייערע העלדן און זוכט זיך אויסצולעבן אין דעם גייסט. שלמה אויערבאך האט גוט געקענט די אלע שרייבער, געווען זייער אלעמענס תלמוד, ער האט וואונדערבאר רעצעטירט פושקינס: „די ציגיינער“ יעסענינס „די ווידוי פון א כוליגאן“ „די הינטיכע“ גלייכצייטיק איז ער געווען אנגעזאפט מיט תורה און תלמוד און געקענט גוט העברעאיש און די העברעאישע ליטעראטור, געקענט פון זכרון ביאליקן, טשערניכאווסקין, מיכה יוסף טשערנישאווסקי, ביז די לעצטע מאדערנע ארץ ישראלדיקע שרייבער. מיט זיין געוואלדיקן זכרון האט ער ניט בעדארפן אריינצוקוקן אין א בוך כדי זיך צודערמאנען א דעטייל, אזוי האט ער זער גוט געקענט מענדעלען, פרצן, שלום עליכמן. ער האט קיינמאל ניט געדארפט צוגרייטן צו א פארטראג, מיט זיין ענציקלאפעדישן וויסן איז ער שטענדיק גרייט געווען.

סע איז געווען א נחת רוח מיט אים צו רעדן און הערן אים רעדן, א וואונדערבארער בעל־פה, מע איז פשוט נבהל ונשתומם געווארן פון זיי פענאמענאלן זכרון.

שלמה אויערבאכן האט מע באדארפן גוט פארשטיין, ווער סע האט אים פארשטאנען דעם האט ער ליב געהאט, ער איז געווען אן אומרואיגער א באגייסטערטער! דאס איז געווען פון צופיעל וויסן, א קאמפליצירטער, צוליב דעם וואס ער האט ניט געהאט ווו זיך אויסצולעבן גייסטיש און זיין קרעאטיוו.

זער אפט פלעגט ער קומען פון ווי ווייט צו ווייטשעפל אריינצוקוקן אויפן יאריד פיקאנטע מאכלים, שווארצן רעטאך, כריין, זויער־קרויט, זויערע אוגערקעס, בארשט־בוראקעס, ראזאווע־ברויט, צעלערע־גרינס, אייער־בייגל, גלייכצייטיק פלעגט ער זיך באגעגענען מיט די יידישע שרייבער אין א קאפע־הויז, ער פלעגט דערציילן מעשיות וועגן רביים, שרייבער, ליב געהאט מע זאל אים אויסהערן מיט אכט און דערביי זער הנאה געהאט פונם דערציילן און געלאכט הארציק און זער קוועליק.

ער האט זיך געהאלטן בעשיידן מיט קליידונג, זער אפט מיט אן אויפגעשטעלטן קאלנער, דער קראוואט ניט זער פארקניפט, דערביי דערציילן וועגן אלעקסאנדער בלאקן, ווי ער האט ליב געהאט צו וואנדערן אין נעפלדיקע נעכט מיט אן אויפגעשטעלטן קאלנער און א צעכאסטעטער זיין נד־ונד . . .

ער האט פיינט געהאט מע זאל אים רופן מיסטער אדער הער, דאס ווארט חבר, איז אים געווען אמילדסטן, ווייל חברים כל ישראל, סע איז תנכיש! סע איז העברעיש, שטענדיק פלעגט ער דערמאנען אלעמען: איך הייס שלמה אויערבאך . . . דעם פולן נאמען, ווי די נביאים, אדער ווי אין דער רוסישער ליטעראטור.

סע איז אזוי ווייטיקליך וואס מע האט פארלוירן אזא אויסנאמווייזן מענש, מיר אסך וויסן, דאס רויע און גלייכגילדיגע לאנדאן האט ליב אויסצומיידן אזעלכע מענשן . . . דאס לעבן איז זער ברוטאל, אפט האט זיך מיר געדאכט אז דער מלאך המות וועט ניט האבן קיין שליטה צו אזעלכע מענשן ווי סע איז געווען שלמה אויערבאך, די אלע וואס האבן געקענט שלמה אויערבאכן וועלן קיינמאל ניט פארגעסן דעם בקי סיי אין העברעאישן און סיי אין וועלטליכן וויסן.

לואי קריען און פרוי ווייס־פרעזידענט פון בית ציון ווינטשן א כוח״ם זייער קרובים און פריינט.

חנה הינדע שפיגלמאן, ווינשט אירע קינדער אין ענגלאנד און אין אמעריקע, אירע איניקלעך און אוראייניקלעך און אלע אירע קרובים און פריינט אסך גוטע געזונטע יאָרן.

מ. בערשטיין און פרוי ווינטש זייערע קרובים און פריינט א גוט געזונט יאר.

עלע זילבערג — שנה טובה ומאושרת, א געזונטן פרייליכן יאר פאר מיין ליבן ברודער, זיינע פרוי און קינדער, און פאר אלע פריינט פון אידישן פאלק און לשון.

פרוי גוסטע געפמאן ווינטשן אירע קינדער סאלאנט אין ישראל, און ברודער אין לאנדאן, יוליאן גראס און פאמיליע און מומע ליזע און אלע פריינד בכל מקום שהם א כתיבה וחתימה טובה.

יצחק פייגנבלאם ווינשט זיינע קינדער, משפחה און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

ע. מייקעלס, איך ווינטש מיינע ברודער, קינדער און פריינט א גוט געזונט יאָר.

נחום שטענצל, פרוי און טאָכטער און א. נ. שטענצל ווינטשן אלע זיינע קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

ברכתי לשנה החדשה צו מיינע קינדער, צו מיין משפחה וכלל ישראל שנה טובה — ח. נ. בענקוויטש.

שלום יאקובאוויטש פרוי און קינדער ווינטשן זייער משפחה, פריינט און אלע יידן א גוט יאר.

מארי ביעטש, פרוי און זון, ווינטשן זייער משפחה, קרובים און פריינט, בכל מקום שהם, און „פריינט פון יידיש לשון״ א גוט און גליקליך יאר. און א כתיבה וחתימה טובה.

מידי שעני פון 463 קאמערשל רויד א.1. ווינטשט איר ברודער, און פאמיליע און אלע פרייד א גוט און גליקליך יאר.

גדליה און מלכה ליכטענשטיין ווינטשן זייערע שוועסטער און ברודער, קינדער און דעם ליבע אייניקל, פריינד און גאנצע משפחה א רואיק און גליקלעך יאר.

שמואל מאקאמאוו ווינשט אלע חברים און פריינט א שנה טובה.

מרס. שרה לאה האכשטיין ווינטשט איר פאמיליע, פריינט און זון און קרובים, בכל מקום שהם, א גוט יאר, און א כתיבה וחתימה טובה.

וואלף קאסאוו און משפחה ווינטשן אלע זייער קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

מר. און מרס. סעם הערסט ווינשן זייערע זין, טאכטער, שנירס, אייניקלעך, משפחה און קרובים אין ישראל, רומעניע, אמעריקע, א כתיבה וחתימה טובה.

מרס. טאבאטשניק ווינשט אירע קינדער און אלע פריינט א גוט יאר.

סעם לעפ און פרוי ווינטשן אלע פריינט א גוט יאר.

לשנה טובה תכתבו צו מיינע קינדער און זייערע משפחות און אלע פריינט פון „לשון און לעבן״ — פרץ אקערמאן.

ישראל און בעטטע שפעטמאן ווינטשען דעם כלל ישראל א שנה טובה.

איך ווינטש מיין משפחה און פריינט א כתיבה וחתימה טובה — פרוי י. מאנדלבוים.

סעמועל, 97 ניוראָד „סעקענט קלאָטה שאפ״ ווינטש אלע זיינע פריינט א גוט יאר.

משה מארקאוויטש און טאָכטער ווינשט זיינע זין, שנירס, טעכטער, פאמיליע, מעמבערס פון נעלסאן שול און דעם רבין א כתיבה וחתימה טובה.

איך ווינטש מיין ברודער משה, זיין פרוי און קינדער ווי איך אלע פריינט פון דער יידישער קולטור איבעראל, א געזונט און פרייליך יאר — לו אלמאן, מאנטשעסטער.

פארזיצערן פון איסט לאנדאן „וויצ״א מרס. אני נאדלער, ווינשט די מעמבערס פון וויצ״א, בית ציון און „לשון און לעבן״ א כתיבה וחתימה טובה.

יוסף גרינבערג און פרוי ווינטשן זייערע קינדער און אייניקלעך, קרובים און פריינט דא, אין אמעריקע און אין אַרגענטינע א געזונט און גליקלעך יאר.

## יידיש - ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

שבת, דעם 5׳סטן סעפטעמבער — א ראש השנה פראגראם — ח. נ. בעקוויטש.
שבת, דעם 12׳טן, פרץ, שלום עליכם יום כיפור מאטיוו — נעט רובין, י. ביעטש.
שבת, דעם 19׳סטן — לכבוד סכות געזאנג און הומאר — מאיר באנדאנסקי.
שבת, דעם 26׳סטן — טראדיציאנעלע שמחת־תורה־פייערונגן — אני נאדלער.



# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 11־10 (העפט 5־394) פינף און צוואנציקסטן יאר אָקט.־נאָוו. 1964 לאנדאן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

צום 00סטן געבורטסטאג פונם קליינעם מענטשעלע, יזכור תשכ״ה א.א. ** 1
דער זיידע מרדכי ........ מאיר גערטנער 5
דרום אפריקא (ליד) ........ יוסף לעפטוויטש 13
א בריוו פון א יונגער אפטייקערין (הומאָרעסקע) ........ משה בעקערמאַן 13
א גאסט אויף א ווייל (פון א נסיעה אין ישראל) ........ מנשה ווייסגראַז 15
צווייגן, נישט פארצווייפלען, דו א נענופאַר (לידער) ........ ירחמיאל ברוקס 25
פונם תוהו ובוהו ארויס . . . (פראָזע) אקטאבער וואריאַציעס (לידער) ........ א. נ. שטענצל 27
מלך ראַוויטש (צו זיין ווערן א בן שבעים) ........ יחזקאל בראנשטיין 47
אינם כישוף־קרייז פון מזל בתולה ........ ל. פוקס 48
לייזער אלמאן ע״ה (נעקראָלאָג) ........ אייזיק גאָלדבערג 50
פרייע פלאָטפאָרמע ........ אהרן ר. ראָלן 51
דער געשיכטלעכער פראצעס פון דער אידישער אַסימילאציע אין ענגלאנד י. א. ליסקי 52
בערל ראָזנער ע.ה.
יידישע ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאגס

פרייז 2 שילינג

אבאָנאָמענט־פרייז :—26 שילינג פאָר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,

COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENGL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*